STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08579

EYBIK LEBN

L. Miler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מילער

אייביק לעבן

לידער

שער־בלאַט געצייכנט פון

מ ש ה ק י ש

פאַרלאַג „יידיש אַמעריקע"
נ י ו - י אָ ר ק
1959

ל. מילער / „אייביק לעבן"

נ י י ע

און אָפּגעקליבענע לידער

1959—1909

L. MILLER

LIFE UNENDING

(EIBIK LEBEN)

Copyright, 1959 *by*
LOUIS MILLER
New York, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street New York 3, N. Y.
געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער
253

ראשעלן

ווערק פון ל. מילער:

„אויף גאָטס וועלט״ (לידער), 1919

„אבא״ (ראָמאַן) אין זאַמלבוך „שריפטן״, 1920

„מיסטער מענטש״ (דראַמע אין ענגליש, אין „פּאָעט־לאָר״, 1929)

„דאָ איז מיין היים״ (לידער), 1939

„בלעטלעך גראָז״ פון וואָלט וויטמאַן (איבערזעצונג), 1941

„דאָס לעבן וואָס לעבט אייביק״ (פּאָעמע אין 4 טייל), 1941

„שטורעמס און רעגנבויגנס״ (לידער), 1948

לעבן —
ווי שיף־ברוך זינקט צום גרונט פון ים,
אַזוי פֿאַלט דער טויט אַריין אין דיינע טיפֿן
און פֿאַרשווינדט.
אַ פּינטל מיטן אויג:
געווען — ניטאָ!
עס טוט דיין אויבערפֿלאַך
זיך קוים אַ וויג, אַ בויג,
אַ הוידע, ווי אַ כוואַליע אינעם ווינט...
דאָס ביסל שוים פֿאַרשווינדט...
און ווידער ברויזן דיינע שטראָמען ווי געווען
און ווי שטענדיק רוישן דיינע כוואַליעס
מיט געלעכטער און געוויין...

לעבן —
עס איז דער טויט אַן אויגנבליק אַזאַ,
אַ בייזער טרוים:
געווען — און איז ניטאָ!
נאָר דו, נאָר דו,
ביזט אומעטום און אייביק דאָ!
ערד און הימל, גראָז און בוים;
דער פֿליענדיקער פֿויגל אין דעם רוים — ביזטו!
ביזט מענטש פֿון פֿלייש און בלוט,
וואָס ראַנגלט זיך פֿאַר גליק;
דו ביזט די האָפֿענונג, וואָס גלויבט און הייסט,
און היילט די בלוטנדיקע וואונד
און זאָגט כּסדר צו און טרייסט;
און אויך דער אויגנבליק,
וואָס איז געווען און איז ניטאָ —
ביזטו!...

(פֿון בוך „שטורעמס און רעגנבויגנס“)

אייביק לעבן

1959—1948

שלום

א

איך זינג דעם נביא׳ס חלום —
פון שווערד דעם אַקער שמידן.
איך זינג פון אַלץ וואָס וואַקסט און בליט,
איך זינג דעם מענטש, זיין פרייד און מי —
דעם מענטש אין פרידן;
איך זינג די מאַמע ערד
און אַלע אוצרות אירע, —
איך זינג דער וועלט דאָס שלום־ליד
און צו דעם לעבן —
זינג איך שירה.

אַ ליכטיקער פרימאָרגן —
דער ליכטיקסטער, דער שענסטער.
עס האָט אַ טויב, די ווייסע טויב
אַ לייכטן פּיק געטאָן אין שויב
פון מיין פענסטער, —
דאָרט אַ בריוועלע געלאָזט
און אַוועקגעפלויגן,
שרייבט דאָס לעבן: אויפגיין זאָל
דאָס שלום־ליד,
ווי דער רעגנבויגן.

ב

איך האָב נאָך אין וויגל
געחלומט פון טויבן.
זיי וואָרקען מיט גוטסקייט,
מיט צוטרוי און גלויבן

צו מענטשנס געמיט.
עס ווייען די פליגל
מיט פרילינג,
מיט בליאונג און צווייט.

אַ, גייט צו דעם מענטשן
איר לידער געטרייע
און רינגלט אַרום אים,
ווי טויבן אַ סטייע
און ציט אים און פירט אים
אויף וועגן אויף בייע,
וואָס פירן צום לעבן —
אַ לעבן פון פרידן,
אַ לעבן אַ פרייען.

ג

אַלע גראָזן, ווייכע, שטילע
און דאָס ווילד־גראָז אויך אפילו;
אַלע וועלדער, אַלע פייגל
טוען תפילה
פאַרן שלום פון דער וועלט.

מענטש, בעל־שכל און דערפינדער!
פאַר די פעלדער, שאָף און רינדער;
פאַר די זקנים און די ליבע
קליינע קינדער —
היט דעם שלום פון דער וועלט!

נישט אין שלאַכטן אויף די פעלדער,
נאָר אין לעבן איז אַ העלד דער,
וואָס פאַרברידערט אַלע פעלקער,
אַלע לענדער —
אין דעם שלום פון דער וועלט.

ד

מיין געזאַנג איז ניט מלחמה,
פרעמד איז מיר דאָס ליד פון קריג.
איך וויל ברענגען צו די מענטשן
בשורות טובות אין מיין בליק.

פלי פאָראויס, אָ, טויב דו ווייסע,
כ'צי נאָך דיר מיין שנור פון טריט; —
מיין געזאַנג איז וועלט אין שלום;
מענטש און לעבן איז מיין ליד.

ה

ווי וואַסער־פאַלן פראַלן פון די הויכן
מיט אַ רוישן און אַ יאָגן,
און ווי אַלע ביימער פון די וועלדער
וואָלטן מיט די ווינטן זיך צערעדט —
אַזוי האָט זיך דאָס שלום־וואָרט צעטראָגן
איבער וועלט דער גאָרער,
איבער אַלע דערפער, איבער אַלע שטעט.

די פאָנען־פאַרבן פון די פעלקער זיינען
ווי די רעגנבויגנס אויפגעגאַנגען;
צעבליט האָט האָפענונג אין הערצער
מענטשלעכע, ווי פיל־קאָלירטער צוויט, —
פון אַלע פעלקער־שפּראַכן און געזאַנגען
איבער ערד דער גאָרער,
שמידט־זיך, שמידט, דאָס שלום־ליד.

זינג איך פון דער שלום־טויב דער ווייסער,
דאָס געזאַנג פון מענטש און גלויבן;

דעם מענטשנ׳ס ווערט, זיין שטאָלץ און פריי־זיין
אויף דער ערד. רום און לויב
דעם ערלעכן וואָס לאָזט זיך ניט באַרויבן, —
דיר, דו הייליק לעבן —
זינג איך דאָס געזאַנג פון דער ווייסער טויב.

ו

טויבן אויף לשנה־טובה׳ס — איך געדענק זיי,
ווייסע טויבן מיינע, גלויבן פון מיין קינדהייט.
רעגנבויגן פילקאָלירנדיק;
טויבן ווייסע, פרידן, פרייד און גליק —
מיין לשנה־טובה.

לשנה־טובה טויבן, שלום־טויבן.
אַלע גוטע מענטשן זיינען מיינע קרובים.
פליט־זשע, פליט, שלוחים מיינע, שנעל,
ברענגט צו יעדן גוטן מענטשנ׳ס שוועל
מיין לשנה־טובה.

לעבט אין פרידן ייד מיט יידן, און ניט־יידן, —
הערשער האָט גענוג געצונדן שנאה־פייער
און פאַרפלייצט די וועלט מיט האָס און שרעק —
האָט זיך רעגנבויגן איצט אַנטפלעקט
אין דעם ערב ניי־יאָר.

ערב ניי־יאָר, ערב פריי־יאָר, ערב־פרידן;
ערב נייע צייט פון צוטרוי און פון גלויבן. —

פליט־זשע טויבן, מיינע ווייסע פליער.
ברענגען זאָלט איר אויך צום צווייפלער׳ס טיר
מיין לשנה־טובה.

צווישן לענדער איז ניטאָ פאַר אייך קיין גרענעץ.
מענטשן, פעלקער, טיילט איר ניט לויט די קאָלירן —
איבער צאַמען פליט, און איבער וואַנט.
ברענגט, אָ, ברענגט צו יעדן פאָלק און לאַנד
מיין לשנה־טובה.

ז

שלום איז קינדער און לערער צוזאַמען אין ליכטיקן קלאַס,
פיל־שפּראַכיק, פיל־פאַרביק דאָס רוישיקע לעבן אין גאַס;
קוישן מיט טרויבן און טישן מיט גרינסן אַלערליי,
דאָס רוישן פון קינדער אויף הויִדעס — די מאַמע מיט זיי.

שלום איז שלאָף ניט געשטערטער אין רו פון דער נאַכט,
טרוימער פאַרקלערטער, וואָס חלומט און וואַכט,
אויגן פול צוטרוי, אַ האַנט־דרוק פון קראַפט;
ברכה פון אויפטו, פרייד ווען מען שאַפט.

שלום איז פריינטשאַפט און טרייהייט, צוטרוי צו יענעם,
ווילן צו העלפן און געבן, און קאָנען אויך נעמען;

אַ קינד איז געפאַלן, לויפט עס דער מאַמען דערציילן,
זאָל מאַמע אַ קוש־טאָן, וועט אַלץ זיך פאַרהיילן.

שלום איז צוזאָג פון אייביקע גליקן, אין בליקן פאַרליבטע,
בריקן, ווי האַרפן אויף שטאָלענע סטרונעס,
דאָס ברענגען און שיקן מתנות פון איינעם צום צווייטן;
פידלען וואָס שפּילן אַ ניגון און פלייטן באַגלייטן.

שלום איז כלי־זמר, וואָס פירן פאַרטאָג אהיים מחותנים,
וואַרעמער האַנט־דרוק, ווען מ׳גיט זיך אָפּ שלום;
שכנס „גוט־מאָרגן!״, דיין ענטפער: „גוט־יאָר!״
זאָל שלום, דער חלום פון נביא איצט זיין אונדזער וואָר.

לזכרון די אומגעבראַכטע יידישע שרייבער און
די יידישע קולטור־שאַפער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

* * *

איך האָב געהאָפט, איך האָב געגלויבט.
איך וואַרט נאָך איצט, איך גלויב און האָף,
אַז צייט וועט קומען סוף־כל־סוף
פון כולו זכאי, כולו טוב.

דער מענטש איז איצט נאָך אַ געמיש
פון שלעכט און גוט, פון מילד און בייז.
עס האָט זיין גאָט פון ווילדערניש
נאָך זיך אַליין ניט אויסגעלייזט.

האָב איך דעם אמת נאָר געגאַרט,
איך האָב אין יושר פרום געגלויבט, —
האָט מיך דער אמת אָפּגענאַרט
און ס׳האָט דער יושר מיך באַרויבט.

עס האָט די גלייכהייט מיך פאַרשעמט,
פון שאַנד מיין פנים פלאַמט און בריט.
די פרייהייט האָט מיין צונג פאַרקלעמט,
אַ ברענענדיקע וואונד — מיין ליד.

דער מענטש איז איצט באָך אַ געמיש
פון שלעכט און גוט, פון מילד און בייז.
עס האָט זיין גאָט פון ווילדערניש
באָך זיך אַליין ניט אויסגעלייזט.

יידיש

(פּאָעמע)

די מאַמע האָט געבאַקן ברויט פאַרן הויזגעזינד
און קוילישן אויף שבת.
נאָך ערב־שבתדיקן קידוש
האָט דער טאַטע ווי פאַרחידושט
באַטראַכט די חלות, פיש און כריין
און ווי צו זיך אַליין
אַ זאָג געטאָן: „הר־וואַ, אַ טיש,
קיין עין־הרע גאָר נגידיש!“
האָט דער מאַמעס מידער פּנים זיך פאַררויטלט
און געשיקט האָט זי אַ לויב, אַ דאַנק
זיין „ליבן־נאָמען“,
אין איר פרומען, מאַמעדיקן יידיש.

„צאינה־וראינה“, אין שבת באַטאָגן,
די מאַמע אינמיטן — מיר קינדער אַרום איר.
צעשטראַלט און צעלויכטן איר פּנים דער פרומער.
דאָס קול אירס, דאָס שטילע, עס האָט זיך געביטן
אויף זינג־זאַנג און „זאָגן“,
האַלב לייענען, האַלב וויינען — אַ תפילה.
מיר שלינגען די טרערן און הערן:
יוסף הצדיק דערקענט זיינע ברידער. —
ס׳איז משה רבינו געקומען זיך קלאָגן,
אַז ער איז געצוואונגען מיטן לעבן זיך שיידן — —
אַט זיצט שוין יהושע און לערנט מיט יידן די תורה
און משה רבינו שטייט אָן אַ זייט, אַ פאַרשעמטער — —
מיר זיצן און הערן מיט הערצער פאַרקלעמטע,
מיר הערן און גאַפן:

די „הייליקע אבות",
וואָסריידן אין חומש „בלשון הקודש" —
צו מאַמען דאָך ריידן זיי — אידיש...

יידיש!
מאַמעס שבת־יום־טובדיקע פרייד,
איר שטאָלץ און דערהויבונג.
די צונג פון פראַצע־מענטש;
די מוסקולדיקע, קערנדיקע רייד פון משא־טרעגער, —
ער שלעפּט דעם פּאַק, ס'איז שווער,
אַן אָרעמער דער לוין —
טוט ער אַ וואָרף די לאַסט מיט האַס
און שיקט אַ קללה וואו מען דאַרף
אין יידיש...

עס רעדט די מי, וואָס אַרבעט שעהן־לאַנג און שווער.
די נאָדל שטעפּט און רעדט ביז שפּעטער נאַכט;
עס רעדט די שער.
דעם שוסטערס אָל, אין לעדער שטעכט,
דער שינדלער לאַטעט אויס די לעכער אינעם דאַך;
דער בלעכער האַמערט כלים אויס פון בלעך.
אָט שטייט אַ ייד — דער שמיד,
ער שטאָלט פון אייזן, רויט צעגליט,
דעם שטעטלס ליד פון האָפענונג און קראַפט.
מאָדיסטקעס און געזעלן זינגען לידער
פון דער „רויטער פאָן" און „שוועסטער און ברידער";
דער מלמד לערנט מיט די קינדער חומש
און טייטשט אויף יידיש.
דער בעל־עגלה, אויף דער קעלניע פון דער בויד,
פייפט אויס אַ יידיש ליד
און פאַרענדיקט מיטן קנאַל פון בייטש, —

און בײַם גביר אין הויז,
וואו אַלע ריידן נאָר „פראַנצויז",
צו דער דינסט, דער „מויד" —
רעדט מען יידיש...

יידיש —
דורך הונדערטער דורות פון וואָגל און וואַנדער
פון איין לאַנד אין אַנדערן.
פון ווייכסל ביזקל ירדן,
ביזן קעסלגאָרדן פון דער „נייער וועלט" —
געזונגען אין שוויס-שאָפּ, בײַם רויש פון מאַשינען:
„ניט זוך מיך דאָרט, וואו מירטן גרינען".
אין סטרייק אויף פּיקעט-ליין
און ערשטן מאַי פּאַראַדן;
פון פאָנען און פלאַקאַטן
און קאָלירנדיקע בענדער —
אין יידיש גערופן:
„אַרבעטער פון אַלע לענדער
פאַראייניקט אייך!"

יידיש — אונדזער גרויס וואונדער!
אויף זאַפטן פון לעבן פון ערלעכן, פּראָסטן
גענערט זיך.
קעגן שנאה — אייגענער און פרעמדע,
קעגן שפּאָט און פאַראַכטונג — געוועהרט זיך.
מיט יחוסדיקע שפּראַכן זיך פאַרמאָסטן.
דורך גאַז-אויוון פלאַמען
דעם פּרואוו אויסגעהאַלטן;
מיט ברכות צו בענטשן דעם מענטשן,
מיט קללות פאַר יענעם וואָס דאַרף זיין פאַרשאָלטן.
מיט רייכע ירושות פון עבר,

פון העלד און דעם גאון —
ירושות פון יענע וואָס שאַפן, וואָס טוען
און רופן צום לעבן;
ירושות בר־כוכבא, ביז צייט פון הירש לעקערט,
פון הירש לעקערט ביז הירש גליק, —
פון דורות און דורות צוריק
ביזן איצטיקן דור
פון ערלעכע שאַפער און מוטיקע קעמפער
אין כאָר מיט די פעלקער.
אונדזער געזאַנג, אונדזער גאַנג,
אונדזערע מוטיקע טריט,
אונדזער ליד —
יידיש!

שלום־עליכם

(צו זיין הונדערטן געבוירנטאָג)

א

אויפגעגאַנגען איז דיין נאָמען
איבער היימען יידישע, פּאַראומערטע און טריבע.
ס'האָבן טאַטע־פּנימער פאַרכמורעטע
זיך חדווהדיק צעשטראַלט,
ווען מ'האָט אַריינגעבליקט, מיט חידוש און מיט ליבע,
אין דעם „יוד" — אַ וואַכנבלאַט אין יידיש, —
פריער שמייכלענדיק, פאַרטראַכט
און פּלוצים זיך צעלאַכט;
געלייענט מיט לייכט געמיט, געלייענט, געלאַכט,
געלאַכט... געלאַכט... געלאַכט ביז טרערן.
דעם נס האָסטו אין הויז אין יידישן אַריינגעבראַכט —
ס'האָבן מאַמעס לאַכנדיק געוויינט פון פרייד:
אוי, זעט נאָר קינדער, זעט נאָר, ווי דער טאַטע לאַכט!

עס קרייזט אַרום דער ערד דיין נאָמען.
וואו אַ ייד איז נאָר אין וואַנדער־וועג געבליבן רוען,
ברענגסטו אים פון אוצר פאָלקישן אַ שטראַל
אַ לויטערן פון קוואַל,
וואָס האָט צעעפנט זיך פאַר דיר, דעם ליבלינג־זון, דעם גאון.
האָסטו דיינע זעעוודיקע אויגן
אויפגעהויבן, —
האָבן זיך גענומען אין דער לופטן דרייען
ווערטער — סטייעס טויבן
איבער יידישע געצעלטן;
אויסגעשפּרייט די פליגל, זיך צעפלויגן
און צוריקגעקומען זוניקע, צעהעלטע.

פול דער רוים מיט טרוים פון וואָרקענדיקע טויבן,
פול די לופט מיט פרייד און טרויער,
זאָרג און האָפן.
הימל־בלויער גלויבן שפרייט זיך.
פון די ווייטן, פון די הייכן גרייכן צו זיין אויער
ווערטער, איינציקוויזע, ווייכע, שטילע, קוים זיך הערן
און אַט ווערן זיי שוין לויטערער און הייסער —
זון־צעגליט: ייד — ייד — ייד — יידיש,
יידיש — פאָלק, יידיש פאָלק און יידיש לשון — — —

האָט זיך איבער יידיש־וועלט צעקלונגען:
פרייד און פרידן, — שלום־עליכם יידן!

ב

(— „איבערגעלייענט, געלאַכט, געוויינט — סאַראַ וואונדערלעך בוך!״
— מאַקסים גאָרקי, צו שלום־עליכמן ווען ער האָט געלייענט „מאָטל פייסי דעם חזנס״ אין רוסישער איבערזעצונג.)

דיין נאָמען קרייזט אַרום דער וועלט,
פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק.
הערן פעלקער און פאַרנעמען דאָס גרויס־וואונדער
פון דיין שאַפן, דיין גאונות —
גאָפן זיי און בעטן:
קום אַריין צווישן אונדזערע לשונות
מיט דיין יידיש לשון.

יידיש לשון!
שפּראַך, געבוירענע אין וואָגל־וואַנדער,
דורך יאָרהונדערטער,
דורך פיינען בלוטיקע, באַליידיקטע,
פאַרוואונדעטע;
דורך לייב און לעבן אייגענעם —
די שפּראַך פון פאָלק געבוירענע.

יידיש לשון!
אין יעדן וואָרט — פאָלקס־גורל, שווערער.
אין יעדן זאַץ, פאָלקס־לעבן — פרייד און טרערן.
און דו, אַ, שפּראַכן־ווירטואָז,
אַ, שעפּערישער גאון!
ביסט טייל פון פאָלק, ביסט אין זיין לשון
און אין יעדער שורה איז דאָס פאָלק.

און וויל דאָס יידיש לאַנד — ישראל,
און וויל דאָס פרייהייטס־לאַנד — סאָוועטן,
דאָס לשון, דיינס, דעם פאָלקס,
פון לעבנס־רעכט באַרויבן —
האָט וועלט איך ביידן איצט
צו אומשטערבלעכקייט דערהויבן.

ג

(„דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, די קאָמעדיע הייבט זיך אָן" — מיט די ווערטער הייבט אָן שלום־עליכם זיין ראָמאַן „סענדער בלאַנק".)

דיין יעדער בוך — אַ דרייענדיקע בינע,
און גלייך פון ערשטן בלעטל —
דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף,
די קאָמעדיע הייבט זיך אָן —
די שפּיל די יידישע פון שטאָט און שטעטל.

די בינע, ניט קיין גרויסע — האַלט זיך אין איין דרייען,
בילדער בייטן זיך,
דורות קומען און פאַרגייען מיט די יאָרן.
די בינע, ניט קיין הויכע,
אַ צעטיילטע אויף צוויי גאָרן —
אונטן שפּילט דאָס פאָלק, און עמך שער און אייזן,
אויבן, די גבירים — ריסטאָקראַטן.

אויף די פּאַלעס פונעם ווינט,
מנחם־מענדל קומט צו יאָגן.
מיט זיין פערד און וואָגן, טביה קומט צו פאָרן.

אַלע שפּילן — פאָלקס־באַוואוסטע,
און דאָס צעטל — ווער קען ציילן!
טוסט אַ מיש אַ בלעטל, קומען אָן די „מענטשן״.
מיט די שליסלען, מאַדאַם גאָלד — די באַלעבאָסטע;
מאָטל פּייסיס, פּערטשיק, סאָלאָוויי און סענדער בלאַנק,
טביה׳ס טעכטער, גאָלדע — זייער מאַמע.
שפּילט זיך אָפּ טראַגעדיע, קאָמעדיע און דראַמע,
קינדער־שפּילן, און ספּעקטאַקלען;
אין פּיר אַקטן שפּילט זיך אָפּ די ליבע
פון דעם יינגל שימקע — יונג־פרילינגדיק אין בלי,
מיט דער שיר־השירימדיקער „אסתר־ליבע־ליבוזי״.

מישט־זשע, מישט, אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל,
ס׳איז אין אָנהויב נאָך פון צעטל. —
ס׳קומען די שאַפּיראָס — אמתע סלאַוויטער
איוואַנאָוו דער „ייד״, און שניירזאָן דער „גוי״
(ס׳האָט איינמאָל זיך געטראָפן,
אַז דעם „ייד״ איז גוט און דעם „גוי״ איז ביטער —)
נו, פאַרפאַלן, „טשאָרט וואָזמי״, מיט די ראָלן זיך געביטן...
און פונוואַנען קומען מיר אַריין אין שפּיל?
און דו אַליין ביסט אומעטום, מיט יעדן גליידך אינמיטן.

דו ביסט דער, וואָס וואַרפט דאָס ליכט פון חן
אויף אַלע שפּילער, —
ניין, די שפּילער לויכטן־אויף אַליין.
דורך דיין שאַפנדיקן צויבער, —
שיינט אין איינעמס ליכט, אַיעדנס שטראַל;
דורך איינעמס ווערטער, צווייטנס טרערן,

דורך געלעכטער פון אַ דריטן —
רעדט און וויינט און לאַכט דער כלל.

מישן זיך און מישן זיך די בלעטער,
הערט ביט אויף צו דרייען זיך די בינע.
בייטן זיך די בילדער, בייטן זיך די צייטן —
מישט זיך אויס פאָלקס עבר מיטן איצט און מיט דעם שפּעטער.
דרייט זיך, דרייט די בינע, בייטן זיך די ערטער.
פון מדינה צו מדינה.
פרעמדע פעלקער חידושן פון די מאָדנע ווערטער
פון דעם שפּיל באַשאַפענעם, וואָס צויבערט
אין דעם לשון ידישן.

פון וואַנען אַזאַ צויבער? פון וואַנען אַזאַ לשון?
דאַכט זיך ניי און פרעמד און אַנדערשדיק
דאָך, פריידלעך היימישדיק און אייגן,
ווי אַ מאַמע־שויס, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן;
דאַכט זיך, אַלץ איז ניסימדיק און אומגעריכט,
און דאָך געוויינלעך, ווי דאָס קומען
פון דעם ליכט, טאָג־טעגלעך אין פרימאָרגן,
ווען ליכטיקער, ווען בלאַסער, בלייכער —
ס׳איז דאָך אַזוי פּראָסט און וואונדערלעך,
ווי פּשוט, וואונדערלעך דיין נאָמען — שלום־עליכם.

צוויי יידן

(אויף אַ וואָקזאַל אין פראַנקרייך)

עס האָט זיי דער צופאַל געבראַכט דאָ צוזאַמען —
צוויי יידן.
איז איינער אַ היגער, פון טוניס דער צווייטער.
עס האָבן צעטיילט זיי פיל לענדער און ימען,
דורך טויזנטער יאָרן פאַרפרעמדטע, צעשיידטע —
צוויי יידן.

געשטאַנען פאַרחידושט, אָן לשון, ווי שטומע —
צוויי יידן.
קומט איינער פון טוניס, באַרויבט און פאַרטריבן,
דער צווייטער — פאַר צען יאָר פון אוישוויץ געקומען
אַזוי ווי דורך ניסים, כאָטש לעבן געבליבן —
צוויי יידן.

אַ רגע, אַ בליק נאָר, אַ וואָרט — און פאַרבונדן —
צוויי יידן.
איז איינער אַ היגער, פון טוניס דער צווייטער.
אַ וואָרט נאָר: „שאַלאָם" — איז די פרעמדקייט פאַרשוואונדן;
אַ שטאָלץ און אַ ווייטיק, און בליקן דערפרייטע —
צוויי יידן.

עס ברויזן געפילן, די פנימער ריידן —
צוויי יידן.
דער טרויער דערזעלבער אויף פנימער לייענט זיך.
אַ זיפץ און אַ שמייכל. מען דאַרף זיך שוין שיידן, —
אַ פאַל אין די אָרעמס, און ס'האָבן צעוויינט זיך —
צוויי יידן.

דוד און גלית*

(צו דער בריטישער מאַכט)

„ויאמר דוד אל הפלישתי,
אתה בא אלי, בחרב ובחנית ובכידון,
ואני בא אליך בשם ה׳ צבאות,
אלהי מערכות ישראל אשר חרפת״.
(שמואל א־יז־מה)

גלית גרויסער, שטאַרקער, גלית הפלישתי,
גוט באַפּאַנצערט און באַוואָפנט,
הערשער איבער ימים, לענדער און מיליאָנען שקלאַפן, —
איך האָב דעם כבוד זיך צו טאָן פאַר דיר פאַרנויגן:
מיין באַרוף, איז זיין אַ פּאַסטוך,
מיין כלי־זיין, איז אַ האַרף און פייל און בויגן. —
נישט איך בין אַ שלעגער,
נישט איך בין אַ העלד, אַ קריגער
און איך דאַרף אַוודאי ניט קיין וואָפן־טרעגער —
וואָס איך ווייס, האָב איך געלערנט פון מיין רבין,
דער רבי מיינער איז — דאָס לעבן...

גלית, מיינסט ביזט שטאַרק
און אָנגעלאָדן מיט געווער,
דאַרף איך, דער שוואַכער, ליגן שטיל ביי דיינע פיס
און דיר דאָס וואָפן טראָגן?
ווייס, איך וועל ניט זיין דיין קנעכט!
איך וועל ניט אַקערן פאַר דיר,
ניט שמידן און ניט וועבן, —
ווילסטו קריג,
וועל איך מיט דיר זיך שלאָגן —
מיין וואָפן איז — מיין רעכט

*) געשריבן אין 1948.

און וואו איך גיי,
גייט מיט מיט מיר דאָס לעבן...

גלית הפלישתי, דו האָסט די מאַכט,
און דאָס איז אמת —
דו ווייסט ווי צוצורויבן יענעמס;
דיין וואָרט איז חוצפּהדיק און פאַלש
און ווייסט נישט וואָס עס מיינט זיך שעמען. —
דאָך, ווייס, עס איז דיין מאַכט
אויף פאַלשן פונדאַמענט געבויט,
ווייל דער וואָס ווערט פון דיר באַרויבט,
וועט קומען, ער וועט קומען נעמען,
וואָס צו אים געהערט...
אויך דאָס איז אמת, ווי ס׳איז אמתדיק די ערד
אונטער מיינע טריט;
ווי ס׳איז אמתדיק דאָס שטיינדל,
וואָס איך האַלט אין מיינע הענט — — —
דער שוואַכער, דער באַרויבטער,
האָט אויך זיין וואָפן —
אָט זע, דו מיינסט אַ פויגל פליט,
דאָס פליט אַזוי צו דיר דער טויט...
אָט הער, ווי זיינע פליגל שוועבן,
און איך, דער שוואַכער,
שטיי און הער־נישט־אויף צו גאַפן
אויף די וואונדער פונעם לעבן...

איך זינג דיין נאָמען — ישראל

פאָלק מיינס, יידיש לאַנד, ישראל, לויכטנדיקער טורעם,
פרעגסט ניט ביי די קינדער דיינע — זינדיקע צי שולדיק —
וואו עס ברויזט נאָר אויף דער בייזער קנאה־שנאה שטורעם,
שיקסטו ליכט־סיגנאַלן, רופסט זיי און דו וואַרטסט געדולדיק,
ביז זיי גרייכן דיינע טרייע, אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

דיינע קינדער איבער גאָרער וועלט אין אַלע טיילן
קומען דיר „גוט יום־טוב ביטן", בענטשן דיך און לויבן.
אויפן וועג צוריק, אָ, וויפל וואונדער זיי דערציילן!
שירה זינגט דיר פאָלק ישראל, נייעם שטאָלץ, דערהויבן,
אַלטע וואונדן, נייע ווייען טוען זיי פאַרהיילן.

לאַנד ישראל, כ'זינג מיט פרייד דורך טרערן אויס דיין נאָמען —
לאַנג שוין, אַז עס האָבן אים געהייליקט די נביאים.
ביסט פון לאַנגן וואַגל־וואַנדער־וועג אַהיים געקומען —
צייט שוין איבעם לאַנד ישראל ווערן זאָל מקוים
נביאס ברכה: „והיה באַחרית הימים"...

מענטש אינמיטן

איך זינג דיין גליק אויף ערד צעבליטער

כ׳זינג ניט בראשית, איך זינג דאָס געזאַנג פון אין־סופן,
ס׳לעבן אין שטענדיקן בייטן און מענטש אין דער מיטן, —
זינג איך דאָס ליד מיינס פון גלויבן און וואַרטן און האָפן;
זינג איך דעם מענטשן, וואָס האָט זיך צום גוטן געביטן —
לעבן, אָ, לעבן, איך זינג דיך אין פריידיקע סטראָפן.

ראַנגלען זיך סתירות אין מענטשן און טרייבן אים ווייטער.
לויפט ער פאַרצווייפלט, באַגייסטערט; אָט שטייגט ער, אָט פאַלט ער.
שימערט אַ שטראַל־וואו, שוין איילט ער מיט כוחות באַנייטע;
גלויבט, און פאַרדעכטיקט. אָט איז ער פאַרחושכט, אָט שטראַלט ער —
כ׳זינג דיך, אָ, מענטש, דו, דורך שטייגן און פאַלן געלייטערט.

מענטש האָט אויף ערד גאָך דער ווּיסטער, מיט האַנט דער געניטער,
הים און גן־עדן באַשאַפן. איצט וויל ער די שטערן,
וויל אַ לבנה, אַ נייע, אין רוימען צעגליטע, —
פליט ער אויף שטאָלענע פליגלען אַרום אין די ספערן. — — —
כ׳זינג דיר, אָ, מענטש, דו, דאָס גליק דיינס, אויף ערד דער צעבליטער.

אויב ניט פאַר מענטשנס גליק

כ׳האָב ליב צו זען, ווי שיין און פריי דער פויגל פליט,
דאָך ציט מיך ניט צו פליען אין די רוימען.
כ׳האָב ליב די ערד צו פילן אונטער מיינע טריט;
אַמאָל מיט אויגן אָפענע צו טרוימען
און זינגען מיין געזאַנג פון אַלץ וואָס וואַקסט און בליט.

עס איז מיר פרעמד דער מענטש וואָס יאָגט זיך אין געיעג,
די הימלען צו פאַרכאַפּן, צו אַנטפּלעקן.
ער פליט אַרום און מעסט די ספערן ברעג צו ברעג,
ער האַלט נאָר וועלטן נייע אין אַנטדעקן,
נאָר ער אַליין דאָך בלייבט — אַ וועלט — נאָך ניט אַנטדעקט.

אים יאָגט און טרייבט מיט שדים־קראַפט אַטאָמען־צייט.
ער שטייגט פון תהום אַרויף און גרייכט אַלץ נייע הייכן;
דעם שטח קירצט ער און דערגרייכט די וויטסטע ווייט,
נאָר גליק פאַר זיך אַליין — דאָס קען ער ניט דערגרייכן
און ניט ער ווייסט זיין לעבנס־זין און דעם באַטייט.

ס׳איז גוט דער הימל וואו ער איז. כ׳האָב ליב די ערד.
דעם גאַנג פאַרויס פון יעדן דור באַזונדער.
די שטערן — דאָרט, און דאָ — די ערד, וואָס שפּייזט און נערט;
געראַנגל, אויפטו נייער, נייע וואונדער —
אויב ניט פאַר מענטשנס גליק — וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט?

פון מיטוואָך ביז שבת

די צייט איז אומענדלעך, זי ווייסט און דערציילט
פון תהו ובהו, פון לאַווּעס און פלאַמען;
פון פייער און וואַסער, ווי ס'האָט זיך צעטיילט —
יבשה באַזונדער, באַזונדער די ימען.

עס דרייט זיך דאָס לעבן — אַ שלעפּ און אַ שטויס,
עס דרייט זיך לויט עפּעס אַן אָנונג, אַ צייכן, —
עס דרייט זיך — דאָך שטענדיק פאָרויס און פאָרויס,
עס ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס וויל עס דערגרייכן.

* * *

שלום ושלוהדיק לעבן זינג איך אין שירים.
כ'זינג דיר דאָס גליק און די שמחה פון ווערן געבוירן.
דו — נאָר צו טויטן דאָס לעבן, באַשאַפסט די מכשירים.
האָסט דעם יציר אלוהים, דאָס געשטאַלט דיינס פאַרלוירן,
שטאָלענע מאַסקע — דיין פנים, דו, בחיר היצירים!

האָסט ניט געלערנט פון לעבן אין גאַנג פון די צייטן,
ניט פון דער ליבע דעם זין, ניט פון לעבן דעם עיקר.
ווייסט ניט וואָס גליק איז און זוכסט עס אין הויכן, אין ווייטן
שטענדיק פון אומרו געטריבן, פון ווילן פאַרשיכורט
ווילסטו די גאָלדענע שטערן אויף פאַלשע פאַרבייטן.

* * *

עס דרייט זיך דאָס לעבן פאָרויס אין געדריי.
די צייט איז אומענדלעך און מיר אינדערמיטן.
מיר גרייפן אָן יענעם, — זיך, טוען מיר ווײ,
דאַן קומט די חרטה, פאַרוואָס נישט געמיטן.

שוין ווייט פון בראשית, און ווייט פון אַ סוף,
מיר גייען, מיר זיינען דערווייל אינדערמיט נאָך.
מיר וועלן דאָך קומען, און זאָגן כי טוב.
אויף אונדז וואַרט דער שבת, — מיר האַלטן ביי מיטוואָך.

בטבע איז ער גוט — דער מענטש

דער מענטש קען שלעכטס טאָן גאָר אַ סך.
ווי נאָר ער ווערט צו דעם געבראַכט,
ווען נאָר ער ווערט צו דעם געררייצט.
און שאָדן קען ער ברענגען פיל
און שרעק און טויט;
ווי אַ טייך וואָס גייט אַרויס פון זיינע ברעגן
און פאַרפלייצט;
ווי אַ שריפה אין אַ ווינט ביינאַכט —
אַזוי פאַרפלייצט ער אַלץ,
וואָס קומט אים אָן אַנטקעגן אויפן וועג. —
ער ברענגט זיין שכן אום,
זיין אייגן ווייב און קינד,
זיין אייגן פלייש און ביין —
עס טרעפט,
אַז ער צעשטערט אויך זיך אַליין...

באָר זיין איז ער, דער מענטש, בטבע גוט.
און וויפיל כוחות ער פאַרמאָגט!
און וויפיל אַרבעט ער צעטוט!
ער עסט אין שווייס זיין ברויט, —
און ס׳איז ניט ער, וואָס וואוינט
אין יענע וואונדער־היימען וואָס ער בויט;
ער האָט געדולד און מוט און כוח,
ער גרייכט די טיפסטע טיפן פון דער ערד
און קלעטערט צו די הימלען הויך. —

עס ווערט דער ים, דער רוים, פון אים באַהערשט —
ווען ניט די כיטרע האַרץ, וואָס באַהערשן אים,
דאַן וואָלט דאָס לעבן אויף דער ערד
געווען אַ וואונדער־שיינער טרוים.

דער רעטער

זיי האַלטן דעם לייטער,
אַ צווייטער זאָל שטייגן.
זיי שטייען פאַרגאַפּטע
און שווייגן.

ער קלעטערט...
עס פאָלגן נאָך אויגן
פול גלויבן —
אָ, זאָל ער נאָר גרייכן
די הייכן,
אָ, זאָל ער נאָר ווערן דערהויבן!

ער איז שוין דערהויבן —
דערקלעטערט.
דערהערט זיך געמורמל:
באַשיץ אונדז און העלף אונדז,
אָ, רעטער!

וואָס רעדט ער? ווער רעטער?
וואָס קען ער? וואָס וועט ער?
ער איז שוין דאָרט אויבן,
צווישן די געטער —
דער רעטער...

אַמבולאַנס

זיפּצנדיקע ווינטן,
וויי־געשריי נאָך הילף
און מענטשלעכן דערבאַרעמען
אין געוואָי און ליאַרעמען
פון אַמבולאַנס־סירענע.

מענטשן הערן,
בלייבט מען שטיין אַ רגע שטיל.
אין הערצער טוט אַ פּיק די שרעק
און איינער טראַכט:
„אַ מענטשנס לעבן אין געפאַר!"
און ער איילט אַוועק.

אַ צווייטער טוט אַ זיפץ:
„דער מענטש, דער נאַר!"
און ער גייט זיין וועג.

דער דריטער ווישט דעם קאַלטן שווייס
פון בלאַס געזיכט, די אויגן שטאַר, —
ר'איז געבליבן ווי פאַרגליווערט שטיין —
אים האָט אַן אויגנבליק זיך אויסגעדאַכט,
אַז דאָרט, אין אַמבולאַנס
ליגט ער אַליין...

אַ קראַנקן־שוועסטער אויף נאַכט־וואַך

בעטן, בעטן, בעטן — שערענגעס בעטן,
ווי זיי וואָלטן ביי דעם אָנקום פון דעם אָוונט
זיך געהאַלטן נאָענט, איינס צום צווייטן.
נאַכט־שטאָפּעטן שאַרן זיך ביי פענסטער.
שאָטנס שפּאַנען־אום און שפּרייטן,
דעקן־צו, פאַרהילן
בעטן, סטעליע, ווענט און דילן,
מיט אַזוינע בלויע זייד־געוועבן.

ווען די היטערין, די „שוועסטער",
איז דערנעבן,
שרעקן זיך ניט קראַנקע אין די בעטן.
אָט־אָ קומט זי,
קומט צו שוועבן,
ווי עס וואָלטן אירע פיס
גאָר אויף דעם דיל ניט טרעטן.
איילט זי פון געלעגער צו געלעגער,
קול אירס צערטלט, הענט באַרואיקן און היילן:
קריסט און ייד און נעגער, שפּאַניער, גריך, כינעזער —
פון איר גוטסקייט האָט זי יעדן צו באַטיילן:
דעם אַ גלעט און יענעם — אַ גוט־וואָרט,
דאָ אַ שמייכל, דאָרט אַ לאַך, און:
„איצטער וועלן אַלע שלאָפן!"
„אַ גוטע נאַכט".

די לופט איז פול מיט נאַכט.
אין אַ ווינקל פונעם „וואָרד" — אַ ליכט, אַ שטראַל:
דאָס געזיכט פון קראַנקן־שוועסטער
אויף דער וואַך.
זי היט, עס זאָל די נאַכט

דאָ קיינעם ניט קיין שלעכטס־טאָן,
עס ווערט איר גוף אינגאַנצן — אויגן און געהער:
אַ זיפץ, אַ קרעכץ,
אַ קראַנקנס „אוי" פון שלאָף;
אַ רוף, אַ וואָרט — זי איז שוין דאָרט מיט זיי.
קיין חילוק ווער:
איינעמס קרעכץ איז יעדנס פּיין,
יעדנס וויטאָק טוט איר וויי.
העלפן — איר באַרוף,
רחמים איז איר גאָט;
איר געבעט, איר תפילה:
אָ, גיב זיי, גאָט,
אַ נאַכט אַ רואיקע, אַ שטילע;
שיק אַ היילונג זיי אין שלאָף!

פאַרשווינדן וועט דאָס בייז

שטורעמס קומען און פאַרגייען,
האָסט געשראָקן זיך אומזיסט, —
ס'איז אַזוי מיט מענטשנס ווייען,
זע, ווי בלוי דער הימל איז!

מיט דער נאַכט פאַרגייט דער טרויער,
ניי־געבוירן איז די וואָר.
אַ גוט־מאָרגן, הימל בלויער! —
הימל שמייכלט — אַ גוט יאָר!

וואָס אין לעבן האָט געטראָפן,
לערן איך דערפון און וויס.
לעבן לערנט מיך צו האָפן,
אַז פאַרשווינדן וועט דאָס בייז.

ביים ברעג פון ים

איך קום צו דיר פון שטאָט וואו גאַסן זיינען רויכיק, שטויביק
און דאָ ביים ברעג, געוואַשן זיינען זאַמדן ווייס און זילבערדיק.
עס יאָגן זיך און יאָגן דיינע כוואַליעס בערגיק, בויגיק
און בייטן זיך אין שנעלן לויף ווי מענטשנס לעבן און זיין גליק.
זיי קומען און צעשפּרייטן זיך אויף זאַמדן ווייס און שוימיק,
עס דאַכט זיך אַז זיי קערן זיך שוין קיינמאָל ניט צוריק. —
איך ווייס, אַז ווען איך וואָלט געווען אפילו טויזנט אויגיק,
וואָלטן דיינע לויפנדיקע כוואַליעס אָפּגענאַרט מיין בליק...

גיי יאָג זיך נאָכן גרינעם בלענד וואָס האַלט זיך אין איין טוישן,
אַז כ'בין געוואוינט פון קינדוויז־אָן צו האַלטן זאַכן אויף אַ טיש,
אין קעשענעס, אין קעמערלעך, קופערטן און קוישן
און דאָ, נאָך איידער איך דערזע וואָס — איז עס שוין פאַרווישט. —
דו ווייסט אַליין נישט וואָס איז גרין — די כוואַליע, צי דאָס רוישן.
גערויש און פאַרב און וואַסער־באַרג — ס'איז אַלץ צונויפגעמישט.
מיליאָנען דימענטן טוקן זיך און לעשן זיך און לוישן —
דו זעסט און וואונדערסט זיך — צי איז עס יאָ, צי איז עס נישט...

די וועלט באַזינגט דיין אומרו, ים

איך קום צום זילבערדיקן זאַמד־ברעג טאָג־איין, טאָג־אויס
און כ׳קום צו דיר אַמאָל אין שפּעטן חושך פון דער נאַכט —
עס האָט אַמאָל אַ יוגנט־פריינט, אַ דיכטער מיר געזאָגט:
אַז נאָר די שוואַרצע נאַכט איז טיף, דער העלער טאָג איז פלאַך, —
ער איז אַוועק אַ ברוגזער, ווייל כ׳האָב פון אים געלאַכט...

איך בין זיך מודה, ים — כ׳קאָן דיין רוישן ניט פאַרשטיין.
דו בלייבסט מיר פרעמד אפילו אין די זון צעשטראַלטע־טעג,
נאָך מער, ביינאַכט, אין פינצטערניש פאַרהוילן און אַליין,
ווען כ׳הער די כוואַליעס שלאָגן זיך די קעפּ אָן פעלדז פון ברעג,
פאַלט־אָן אומהיימלעכקייט אויף מיר; פאַרלוירנקייט און שרעק.

דיין רויש ביינאַכט, אין פינצטערניש דערוועקט אין מיר פאַרדראָס.
איך טראָג פון דיר אַוועק נאָר בלינדן אומרו, ווייסן שוים.
כ׳בין מאַמע ערדס אַ קינד, כ׳האָב ליב די קאָרע פונעם בוים,
דאָס פּאַלמע־בלאַט אין ווינט, דאָס גרין פון גאָרטנוואַרג און גראָז,
דאָס שאָלעכץ־גרין פון ניס און אַלץ וואָס לעבט און וואַקסט און איז.

אָט רו איך איצט אין הייסן ווייכן זאַמד, עס ברענט די זון.
אַ ים־ברעג ווינטל קילט דאָס הייסע לייב מיר, קילט און גלעט;
די כוואַליעס הורבען זיך און יאָגן רוישנדיק צום ברעג —
אַ יאָגעניש, אַ שפּיל אַזאַ און אפשר אַ געוועט —
דיין רויש איז שטיל געמורמל, קעגן טומל פון די שטעט.

די וועלט באַזינגט דיין אומרו און דיין שטורעמדיק געברום
און וואָס אומענדלעך איז און ווייט, דאָס גלייכט מען צו דיר צו,
דאָך גרייכט דער מענטש די ברעגן דיינע, אַלע, אומעטום,
קום איך דאָך מיט מיין אומרו אויך פון ווייט, פון ערגעץ־וואו —
מיין אומרו איז ווי דיינער טיף, נאָר כ׳טומל ניט ווי דו...

איך בין געקומען קויפן זון

אַ, פלאָרידע, פאַרקויפעריןן פון זון און רויש פון ים,
איך האָב געשפּאָרט פון וואָכן שווערער מי, ביי אַרבעט וואָס איך טו:
דו האָסט אַזויפיל זון און פּאַלמעס־גרין און הימלס־בלוי,
נאַ, נעם ביי מיר דאָס ביסל אָפּשפּאָר־געלט, נאַ נעם עס צו!
פאַרקויף מיר פאַר אַזויפיל און אַזויפיל זון, אַביסל רו...

איך ווייס, אַז נישט פאַר מיר, פאַר זיי וואָס קויפן איין הורטאָם
געזונט און זון און רו, האָסטו די גאַסן אויסגעפּוצט, באַצירט.
זיי צאָלן דיר דעם פּרייז, און דו טוסט מסחר מיט דער זון,
ווי האָסט אַמאָל דיין גרויסן שקלאַפן־האַנדל אָנגעפירט:
עס הענגען נאָך ביי דיר די שילדן איצט, „פאַר ווייס" — „קאָלירט".

באַליידיקסט און פאַרשעמסט דאָס נעגער־פאָלק, די קינדער פון דער זון.
דו, „זון־געקושטע" פלאָרידע, „ווייס־הויטיקע" מאַדאַם!
איך שעם זיך מיט דיר זיצן אויף מיוחסדיקער „ווייסער" באַנק.
איך קאָן דיין יחוס גוט, דיין שקלאַפן־האַנדלערישן שטאַם,
כאָטש האַנדלסט איצט מיט זון, מיט זילבער־שוים פון ים...

לבנה־נעכט אין פלאָרידע

עס דערמאָנען דיינע נעכט
אין וואונדער־מעשות פון אַ ביכל.
סינדערעלאַ אין אַ צויבער־וואַלד
זוכט־אום פאַרטראַכט אַ גאָלדן שיכל
און שיינע מענטשעלעך אין ביכל
שפּילען זיך אויף בלויען שטראָם
פון נאַכט און שוויגן...

שלאַנקע זילבערדיקע שטאַמען
שטייגן הויך און העכער

אינעם ליכטיק־בלויען רוים.
אויסגעשפּרייטע צווייגן — לילובדיקע פעכער,
ווי פון צאַרטע פרויען־הענט געפאָכעט,
פילט אָן די לופט מיט סוויש־ש פון זיידנס —
מיט אַ סודותדיקן: ששש—ששש—ששש...

לבנהדיקער זילבער־שטויב
און גאָלד פון שטערן
זיפּט זיך דורך די צווייגן.
דינער, זיסער, ריח טריפט
פון פּאַלמעס בשמימדיקע בעכער.
סינדערעלאַ אין אַ זיידן טיכל,
זוכט־אַרום פּאַרטראַכט אַ גאָלדן שיכל
אין אַ נעץ פון זילבער־שטראַלן...

סינדערעלאַ, סינדערעלאַ!
קום אַרויס צו מיר פון ביכל,
קום אַרויס פון וואונדער־לאַנד.
רייס, צערייס די נעץ פון שטראַלן.
קום מיט מיר צום זומפּן־ראַנד
פון די נעגערשע קוואַרטאַלן!

קום, עס וועט אַ יידיש־קינד דיך פירן
צו דער נעגער־געטאָ —
וואו עס צאַפּלט זיך אַ פאָלק
אין הענט פון פרעכער באַנדע
רויבער און פאַרברעכער,
שאַנד פון אונדזער לאַנד — אַמעריקע,
שראַם אויפן פּנים
פון דער שיינער, אויסגעפּוצטער
פלאָרידע!

עס ווערט אַ נייער טאָג געבוירן

נו, אַ טאָג איז דאָס געווען! אַ קאַלטער און אַ גרויער.
עס האָט אַ שטעכיק רעגנדל אַ גאַנצן טאָג ניט אויפגעהערט צו זיפּן,
דאָך איז אין מיר דער הימל איצט אַזאַ לויטערער, אַ בלויער.
איך ליג און רו. די אויגן צוגעמאַכט, אַ שמייכל אויף די ליפּן.

פאַרגאַכט, און איך פאַרמאָג אַזויפיל זון אין מיינע צוגעמאַכטע אויגן.
אויף מיינע ברעמען כ׳פּיל פון שלאָף דעם הויך אַ ציטערדיקן, צאַרטן.
עס גייט אין מיינע דרימלענדיקע גלידער אויף, ווי פיל־קאָלירטער רעגנבויגן,
די פרייד פון האָפענונג, די פרייד פון האָפן און פון וואַרטן.

איך וואַרט אין שלאָף עס זאָל דער שלייער פון דער נאַכט אַ פאַל־טאָן,
אַנטפּלעקן ניי־געבוירענעם פרימאָרגן, ליכטיקן און לאַנג־געגאַרטן;
מיט וואַרעמקייט, מיט ליכטיקייט פון זון, צום ערשטן מאָל אַ שטראַל־טאָן,
אין אויגן פון ניט־גלויביקע, פאַרצווייפלטע, גענאַרטע.

איך הער אין שלאָף דעם זיפץ פון דעם, וואָס שלאָפט אויף פּעק מיט זאָרגן,
איך האָף און וואַרט אין שלאָף אויף יענעם טאָג, ווען ס׳גרויסע גליק וועט טרעפן,
און ווי נאָר איך פאַרנעם דעם העלן מאָרגנשטערנס: אַ גוט־מאָרגן!
טו איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פון פרייד די אויגן אַ צעעפן.

כ׳קוק אַרויס פון פענסטער ווי פאַרחידושט, אויף אַ טאָג פון ס׳ניי געבוירן.
דאַכט זיך אַלץ געווען דאָ נעכטן — איך געדענק עס און איך ווייס עס.

און דאָך איז אַלץ ווי אַנדערש, כאָטש ס׳איז גאָרניט צוגעקומען, ניט
פאַרלוירן, —
אַזוי אָ, זע איך יעדן נייעם טאָג אַביסל ווייטער פון בראשית.

דאָס נאָענטע גייט ווייטער און עס קומען נעענטער די ווייטן.
דאַכט זיך אַלץ ווי פריער און דאָך, עס האָט זיך אַלץ געביטן.
און אפשר איז עס היינט דער טאָג, ווען אַלץ וועט זיך צום גוטן בייטן,
אוןליידן וועט ניט מערער דער וואָס האָט געשוויגן און געליטן.

פרילינג גרייט זיך

שורות שוואַלבן שוועבן אין שערענגעס פאָרן בליק פאַרביי.
יונגע ווינטלעך זאָגן־אָן בשורות:
פרילינג גרייט־זיך צו דעם גרויסן יום־טוב, צו דעם ערשטן מאַי.

די קאַיאָרן — צאַרטע, ווייכע. ריחות — ווי רומיאַניק און יאַסמין, —
וויפיל מינים גרין און פאַרבן ווייכע
גלעטן מענטשנס בליק, אויגן באָדן זיך אין ים פון גרין.

ווער קען טרעפן די קאָלירן וואָס די ביימער־קנאָספּן האַלטן גרייט?
זאָלן זיי נאָר טאָן זיך אַ צעעפן,
ווערט די לופט, פול רעגנבויגן־שפיל, פול יום־טובדיקע פרייד.

ס׳האָט דער בעז, דער קראָקוס און אַזעליע, אין סקווערן זיך צעבליט.
לופט איז פול מיט גאָרונג צו דערהערן
וועלט־געזאַנג פון שלום, צו דעם ריטם פון מיליאָנען טריט.

אויפגעלייזט זאָל ווערן טרויער. ערד איז יונג, דער הימל — לויטער, בלוי, —
ס׳איז דער הימל לויטערער און בלויער
קיינמאָל ניט געווען. דער פרילינג גרייט צום יום־טוב זיך אַזוי.

מאַי און פרילינג. כ׳קען זיך ניט צעשיידן מיט מיין יום־טובדיק געמיט.
כ׳וועל צו מענטשן גיין און צו זיי ריידן.
מאַי און פרילינג, — זאָג דער גאַנצער וועלט „גוט־יום־טוב״, — ליד, מיין ליד.

„מעיד אין יו. עס. עי.״

פרילינג, פרייהייט, פרייד פון פעלקער־פריינטשאַפט, —
היינט איז ערשטער מאַי קאַיאַר.
כ׳הער געזאַנג פון ווייטע לענדער,
הונדערטער מיליאָנען זינגען
ליד פון מאַי און שלום
אַלע אין איין כאָר.

מאַי דער ערשטער, „מעיד אין יו. עס. עי.״ —
אַ געשאַנק דער וועלט.
ס׳האָט דער האַר דער שונא
דאַן זיך אויך אין וועג געשטעלט
קעגן יום־טוב נייעם —
ערשטן פון די מאַיען.

דער לאָקאָמאָטיוון-הייצער

(צום הונדערטן געבוירנטאָג פון יודזשין וויקטאָר דעבס)

ביי די ברעגן פון דעם וואַבאַש,
אין דעם שטעטל טערע־האָט —
דאָרט געשטאַנען איז זיין וויגל.
טאַטע־מאַמע, די באַגליקטע,
האָבן, ביים געבוירן, אים געגעבן
נעמען צוויי, ווי פליגל.
ביידע נעמען, וועלטס באַליבטע זין:
הוגאָס ערשטן נאָמען וויקטאָר,
און פון סו — יודזשין* —

*) מאַריע דזשאָזעף יודזשין סו, פראַנצויזישער שרייבער, פאַרפאַסער פון די

האָבן אַלע גוטע מענטשן אים גערופן
פשוט — „דזשין".

וויפל ליבע, וויפל גוטסקייט
ר'האָט געגעבן טאַטע־מאַמע,
און צו יעדן איינעם פון די שכנים,
איז אים צוגעקומען מער און מערער
ליבע, כוח און באַוואוסטזיין.
שטראָמט עס דורך זיין האַרצן, הענט און פינגער,
ווי אַ פליסיק פייער ברענט און יאָגט אים:
מענטשן פירן אַ געראַנגל מיט די שונאים,
שונאים ערגערע פון וועלף —
ברענג צו זיי באַוואוסטזיין און דיין ליבע, —
גיי און העלף!

פון די טערע־האָט'ער בלאָטעס
האָט דאָס יינגל דזשין גענומען שפּאַנען,
ווי אַ פייער פונעם ווינט געטראָגן.
איבער פּראַכט־וואַגאָנען, רעלסן, באַנען,
איבער שטעגן, זייטיקע, געדרייטע;
פון די שטיבלעך אָרעמע אין טאָלן,
איינגעפּרווירענע, פאַרשנייטע —
צו די מיגען און פאַבריקן,
צו די קינדער פון די ריזן, וואָס דער שונא האָט פאַרקנעכט,
האָט ער זיך באַוויזן, און צו זיי גערופן
טעג און נעכט.

זיינע הענט, ווי פלאַטערדיקע פליגל,
זיינע מענטשן־ליבנדיקע הענט, די

צוויי באַרימטע ראָמאַנען: „מיסטעריעס פון פּאַריז" און „דער אייביקער וואַנדערער" (1804־1857).
דעבס עלטערן, פראַנצויזן, פאַרערער פון וויקטאָר הוגאָ און יודזשין סו, האָבן זייער זון גערופן: יודזשין וויקטאָר דעבס.

אויסגעשטרעקטע, אויסגעשפּרייטע,
ווי אַרומצונעמען אַלע אונטערדריקטע
איבער גאָר דער וועלט.
איז מען, ווי צו אייגן פליש און בלוט געקומען.
פּנימער פאַרחושכטע פאַרזאָרגטע
האָבן אויפגעשטראַלט דערפרייטע,
ווען עס האָט צו זיי גערעדט
פון אַלע ניט באַלוינטע, און באַרויבטע —
דער פּראָפעט.

ר׳האָט גערעדט צו צענער טויזנט,
צענער טויזנט און מיליאָנען —
זייער לאָקאָמאָטיוון־הייצער און פּראָפעט.
ס׳האָט זיין קול דאָס שטאַרקע, פלאַמיקע און צאַרטע
אויפגעוועקט ביי זיי דעם זין פון לעבן.
האָבן קעפּ זיך אויפגעהויבן,
אויסגעגלייכט זיך האָבן פּלייצעס.
פון די דורות־לאַנג געגאַרטע,
און פון זיינע פּראָסטע, אמתדיקע רייד
האָבן אויפגעוואַכט אין הערצער שטאָלץ און וויטאָק
און אַ פרייד.

פּאָל ראָבסאָן

ער באַשיינט דעם נאָמען מענטש —
ער קערט אים אום צוריק זיין ווערט,
זיין זין און זיין באַטייט.
ער גיט דעם מענטשן אָפּ צוריק,
וואָס ס׳איז עכט און אמתדיק אין אים —
עכט און אמתדיק ווי פּירות אויפן בוים,
ווי ברויט אין פעלד;

ווי אַלץ וואָס קומט פון מאַמע ערד
און נערט די וועלט.

* * *

שטאָלץ און גלויבן קערט ער אום צוריק
צו די באַליידיקטע, מיט די פיס געטראָטענע —
צו זיי, וואָס ווערן אויסגעלאַכט, פאַרשעמט.
ער האָט צוויי גוטע, שטאַרקע הענט,
וואָס גיבן נאָר, און בעטן: נעמט!
זיין גאַנג זאָגט אָן: אָט גייט דער מענטש!
זיין פּלייצע בעט דעם שוואַכן: שפּאַר זיך אָן,
און דעם באַרויבטן: האָב ניט מורא, — מאָן!

* * *

זיין פּנים איבערצייגט, געווינט,
זיינע אויגן זאָגן:
עס וועט גוט זיין, גלויבט מיר אַז איך וויים!
דורות טרויער אין זיין שמייכל,
מוט און האָפענונג און טרייסט:
זיפץ און פּיין פון נאַקנס אויסגעקרומטע
אונטער לעבנס שווערן עול,
יובל־פרייד פון אויפגעוואַכטע און באַפרייטע —
אין זיין קול.

* * *

פלאָם — זיין וואָרט, זיין שטימע — דונער.
אין די הערצער פון מיליאָנען צוויפלער,
האָפענונג צינדט אָן ער.
זיי, וואָס זענען שולדיק, שרעקן זיך פאַר אים,
ווייל ער איז אַ שטרענגער מאָנער.
נביא׳ס שטראָף און וואָרענונג, צוזאָג און געבעט,
ווען ער רעדט צו דעם, וואָס בויגט זיין קאָפּ און קניט.
מענטש איז זיין געזאַנג,
מאַרש און גאַנג פון פעלקערס פיל־מיליאָנענדיקע טריט —
זיין ליד.

ווי דער בוים אַזוי פשוט און עכט

כ'האָב ליב די ערד, די פּרוכטבאַרע ערד, וואָס וואַרט אינדערפרי,
דער מענטש זאָל שוין קומען, איר ברענגען זיין שוויס און זיין מי.
זי איז אַזוי טריי־אים און ערלעך, — ניט זי פעלשט, ניט זי נאַרט! —
ער גיט איר זיין אַרבעט מיט ליבע, ער גלויבט איר און וואַרט;
די ערד איז מענטשס ברכה און איינער דעם צווייטן געטרויט,
זי צאָלט פאַר זיין מי אים, מיט זוניקע זאַנגען און ברויט.

כ'האָב ליב דעם פּרוכט־בוים, די צווייגן אַריבער דעם צאָם,
ווי עכט ס'איז דאָס בלעטל! ווי פשוט די קאָרע פון שטאָם;
ער נעמט זיך ניט איבער מיט דעם, וואָס ער וואַקסט, וואָס ער בליט,
ווי ס'נעמט זיך ניט איבער דער פויגל, דער פרייער, וואָס פליט;
קיין קנאה, קיין גאווה, קיין רשעות — ער ווייסט ניט פון דעם,
ווען צייט קומט, עס רייפן די פּירות — איז: קום נאָר און נעם.

איך האָב ליב דעם פאָלקס־מענטש; ווי בוים, איז ער פשוט און עכט,
זיין גוטסקייט — ווי זון־שיין, זיין צאָרן איז ערלעך, גערעכט;
אין קאַמף פאַר זיין לעבן, איז שאַרף ער און בויגזאַם ווי שטאָל;
ער איז ניט אַליין — נאָר ער איז פיל מיליאָנען אין צאָל.
ר'איז אַ קוואַל, פאַר דער שאַפונג; קראַפט פון פאָלק, דור־דורות געהיט,
ר'איז פרייהייט'ס העלד, דאָס געזאַנג פון אמת אין דיכטער'ס ליד.

מיין ליד — מיין גלויבן

איך האָב געגלויבט און כ׳גלויב אויך איצט.
מיין ליד, מיין גלויבן, מיין געזאַנג —
אַזוי בין איך באַהיט באַשיצט
פון אונטערגאַנג.

איך גלויב אין יושרדיקער וועלט.
דער מענטש פון אמת — מיין געבאָט.
איך גלויב — אַזוי האָב איך געשטעלט
מיין ערשטן טראָט.

פון גרויסן אוצר לעבנס־טעג
איז יעדער טאָג, וואָס קומט, מיר ניי.
איך גיי מיט זיי זיגזאַגן־וועג
צו ווערן פריי.

איך זינג דאָס ערלעכע און גוטע

גאָלד פון זונפאַרגאַנג אויף שויבן —
זון פאַרגייט — גייט אויף צוריק.
ליד מיינס — האָפענונג און גלויבן,
כ׳ווייס: גערעכטיקייט איז גליק.

דער וואָס גלויבט ניט און פאַרדעכטיקט,
ווערט געשטרויכלט אין זיין גאַנג;
האַנט פון צווייפלער פאַלט אוממעכטיק,
זינקט אין טרויער זיין געזאַנג.

כ׳זינג ניט תשובה, ניט חרטה —
רשעות — זיך אַליין פאַרצערט.
כ׳זינג דאָס ערלעכע און גוטע —
מענטשנס ברכה אויף דער ערד.

אַזוי וועט זיין

אָ, ניין!
ניט אייביק וועט געוועלטיקן דער האַר,
דער שונא פונעם לעבן.
דער וואָס רויבט דעם שכר
פון יענעמס מי און שווייס
וועט לאַנג דאָ ניט געדייען, —
ווינטן וועלן זיין געדעכעניש פאַרווייען. —
אָ, יאָ, איך ווייס, איך ווייס,
אַזוי וועט זיין.

איך ווייס,
אַז קומען וועט דער מאָגער־טאָג.
קיינמאָל וועט דער צאָרן פון געגנאַרטן
ניט פאַרלעשן.
זיי, וואָס שאַפן,
זיי, וואָס אַקערן און דרעשן —
זייער שיף קומט אָן,
קומט אָן אין האַפן!

עס קומט דער סוף צו דעם וואָס האָט אַליין
אַלס הערשער זיך געקרוינט.
דעם רשע וועט אַקעגן קומען
זיין אייגן שלעכטס און בייז.
און ווערן וועט באַלוינט
דאָס ערלעכע, דאָס מוטיקע און גוטע —
אָ, יאָ, איך ווייס, איך ווייס,
אַזוי וועט זיין.

א. פּאַריז

ב. קאָט ד׳אזיר

א. פּאַריז

איידער כ'האָב זיך נאָך געזעגנט

רום צו דיינע רחבותדיקע סקווערן, זוניקע בולוואַרן, —
אָבער ליב מיר זיינען דיינע ענגע געסלעך — זון, צי רעגן.
דיינע ענגע געסלעך אַלטע, מיט די שמאָלע טראָטואַרן;
דיינע מענטשן ערלעכע און פּשוטע וואָס איך באַגעגן.
פּנימער וואָס זאָגן: פראָסט און אויסגעטראָגן — אונדזער קלייד,
נאָר דער ווײַן אויף אונדזער טיש, דעם היימישן, איז שטענדיק גרייט —
העלער ווײַן — בורשטין צעשטראַלטער און אַ ווײַן, וואָס פינקלט רויט.
גאָלדיק־העל, ווי זון, איז דאָס באַטעמטע, גוט געבאַקן ברויט
און דאָס האַרץ איז פול מיט ליבע.

ס'האָט ווער געמוזט אַמאָל דיין אָרעמשאַפט צוזאַמענשאַרן,
אָרט צו מאַכן פאַר די לוקסוס־היימען און די ברייטע סקווערן,
האָט ער צוגעטיילט — אַהין, די פּראַכט און רחבות פאַר די האַרן;
אַלע קונסט־סטאַטועז, מאָנומענטן — העלדן צו באַערן,
און פאַר אים אַליין, דעם מענטש, דעם אמת־העלדישן, דעם ריז
וואָס באַשאַפן האָט די אַלע דיינע שיינקייטן, פּאַריז;
אים — די ענג־צונויפגעדריקטע געסלעך, אויסגעקרימטע ווענט.
ער, וואָס האָט אַזוינע גוטע, וואונדערשאַפנדיקע הענט
און זיין האַרץ איז פול מיט ליבע.

אייגן זיינען מיר די מענטשן, זייער חוש פאַר לעבנס־פריידן,
לעבנס זין און ווערט. אָט שטעל איך איינעם אָפּ, אים עפּעס פרעגן,
נעמט ער מיך אַרום אַזוי, אַז כ'פיל, זיין האַנט פאַרבינדט אונדזביידן
אין אַ חברשאַפט אויף שטענדיק, כ'וואָלט מיט אים געגאַנגען קעגן

לעבנס בייזע שונאים. ס׳גייט אַ פּאָר, זיך קושנדיק אין גאַנג
שטיל און לאַנג, ווי ליפּן וואָס באַרירן טייערן געטראַנק, —
אַזאַ פּינטל פרייד, אַן רייד, צעשטראַלט אין לויטערן עקסטאַז,
ווי אַ ליכט־שטראַל אין דעם גאַנג און ריטם פון פּאַריזער גאַס
מיט מענטשן־הערצער פול מיט ליבע.

איז מיר ליב צו גיין דאָ איבער גאַסן, חלומען און טראַכטן.
ליב און אייגן ווערט מיר יעדע גאַס און יעדער נייער געגנט.
גייט מיר נאָך מיין ליד פון בענקשאַפט אין די בלוילעכע פאַרנאַכטן,
ליד פון בענקשאַפט נאָך פּאַריז, איידער כ׳האָב זיך נאָך געזעגנט;
ליד פון ליבע און פון בענקען, ליד פון טרויער און פון פרייד,
ווי ניגונים אויסגעשפּילט אויף פידל וואַלטן מיך באַגלייט.
ווילט זיך לויבן, דאַנקען, וואו איך בין און וואָס איך טו, —
מורמל איך און שמייכל־צו: „מערסי ביען״, „מערסי באָקו״,
און מיין האַרץ איז פול מיט ליבע.

אָ, נעם מײַן ליד!

איך האָב געהערט אַזױ פיל װאונדער װעגן דיר דערצײלן,
ס'איז אײנעמס פון דעם צװײטנס לױב באַגײסטערטער, אַנטציקטער
און איצט שטײ איך און גאַף — איך מוז מיט אַנדערע זיך טײלן.
געװוּנסט, באַזיגסט, און איבערגליקלעך איז ער דער באַזיגטער.
אַז אַלץ, װאָס איך באַגעגן איז אָן פּוץ, איז װי נאַטור.
ביסט עכט און אמתדיק אין שײנקײט דײַנער. כ'זע, ס'איז װאָר:
עס איבערצײַגט װי מאָנאַ־ליזאַ־שמײכל. כ'פּיל עס דרינגט
צו מיר אין האַרץ אַרײַן און עפּעס אין מיר פרײט זיך, זינגט:
פּאַריז, דו צױבערין, דו זיגערין.

ביסט פראַנקרײַכס שטאָלץ, דיך רימט די װעלט, דו האָסט מיט װאָס שטאָלצירן.
דורך אַלע שװערע פּײַנען האָסטו זיך פון לעבן ניט דערװײַטערט.
ס'האָט רשעות קײנמאָל ניט געקענט לאַנג איבער די רעגירן;
דײַן יעדער װידערשטאַנד געהױבן האָט דײַן מוט, געלײַטערט.
עס טראָגן דורותדיקן חלום, צוזאָג און באַטײַט,
די װערטער פּראָסטע, קלאָרע: „פרײַהײט, גלײַכהײט, ברידערלעכקײט",
װאָס האָסט פאַרקריצט אין מאָנומענט, אױף פּלאַס־דע־לאַ־באַסטיל.
איך װײס, דו גײסט מיט דרײסטן גאַנג צום דורכפיר פון דײַן ציל —
פּאַריז, דו צױבערין, דו זיגערין.

דײַן העלדן־מוט דערצײלן מאָנומענטן און סטאַטוען.
פאָנטאַנען אין די סקװערן מורמלען שטיפעריש און רײדן —
עס רעדט צו דיר דורך זײ, דער שאַפנדיקער מענטש, דער גאון.
דו הערסט, עס איז דיר גוט און װילסט זיך ניט מיט זײ צעשײדן.

צעטומלט פון באַוואונדערונג, ווי צוגעשמידט צום אָרט,
פאַרכאַפּט מיך האָט דיין סקוועַר פון סקווערן — פּלאַס־דע־לאַ־קאָנקאָרד,
דיין טולערי פּאַרק; דיין רחבותדיקער שאַנז־עליזעי,
אַזוי פיל שיינקייט מענטשלעכע, עס טוט דאָס האַרץ אַזש וויי,
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

געדולדיק גייסטו צו דעם מאָרגן ליכטיקן און העלן,
אין אַלץ וואָס טוסט איז דאָ דער מענטש. דו לאָזט ניט, אַז דער עבר
באַהערשן זאָל דיין לעבן, דיר דעם וועג פאַרויס פאַרשטעלן —
דער עבר און דער היינט בשלום לעבן אין דיין לוואָוער.
מיר דאַכט, דו שמייכלסט שטענדיק קלוג, באַזינט, ווייל ווייסט דעם ווערט,
דעם אמת פון דעם מענטשנס גליק און זיין דאָ אויף דער ערד;
ס'איז מענטש, ס'איז לעבנס זין, ס'איז מענטשלעך יום־טובדיק געמיט, —
אָ, נעם און וועב אַריין אין דעם, אויך מיין עקסטאַז, מיין ליד —
פּאַריז, דו צויבערין, דו זיגערין.

שאַנז־עליזעי

רחבותדיק־געשפרייטע, פיל־מאָל טאָפּלט־ברייטע טראָטואַרן.
וויטרינעס הויכע שפּילן אין פילפאַרביקן פאַרמעסט.
אונטער הימלען בלויע, ביי די זון געשטרייפטע טיש־און־טישן
שפּראַכן מישן זיך, ווי פעסטיוואַל־גערעדעריי פון געסט.

טויזנטער שפּאַצירער אין אַ שטראָם פון פרידלעכקייט צוזאַמען,
אָן געאייל, אָן פּאַוזע, מענטשלעך־שטאָלצע, ריטעמדיקע טריט, —
מענטש אַליין איז יום־טוב, ווען באַפרייט ער איז פון צוואַנג און זאָרגן;
אויגן פול מיט צוטרוי, בליקן שמייכלען פרילינגדיק צעבליט.

נאָר פון הויכע ווענט אַרונטער, אינדערמיט פון פרייד צעבליטער
שרייען ווילד, ברוטאַל, מיט גיהנומס פייער־פלאַמיקן געשריי —
האָליוואָודס רעקלאַמע־שילדן, גענגסטער העלדן, וואָס פאַרשטערן
מיר דעם יום־טוב און פאַרשעמען מיר דאָס לאַנד מיינס, „יו. עס. עי״.

פער־לאַשעז — זיבן־און־צוואַנציקסטער מאַי*

I

דענקמאָל־שטאָט פון טויזנטער אומשטערבלעכע,
שטילער, פרילינגדיק־צעגרינטער פער־לאַשעז;
פאָלקס־באַליבטע גייסטער, ניט פאַרגעסענע.
כ׳לעז די נעמען: עלואַר, באַרביוס; איך לעז —

מיט קאָפּ געבויגענעם — נעמען הייליקע,
נעמען, אונטער יעדן פרישן בלומען־קראַנץ,
אין געראַנגל, העלדיש אומגעקומענע,
פאַר דער פאָלקס־באַפרייאונג, אין דער רעזיסטאַנץ.

דורך דיביימער שפּרייט דער יונגער טאָג זיין ליכט.
איבער דענקמאָל־נעמען, אָפּגעהיט און צאַרט
שפּרייט זיך ליכט זיינס ,גאָלדיק־גרין און העל.
מיינע טריט פאַרלירן זיך אין גראָז. איך וואַרט.

כ׳שטיי און וואַרט דאָ, ווי אַן אייגענער — אַ גאַסט.
ס׳איז באַקאַנט און אומבאַקאַנט מיר פער־לאַשעז,
דאַכט מיר, כ׳בין געווען אַמאָל דאָ, לאַנג, שוין לאַנג,
כ׳בין איצט ווידער דאָ, יאָר ניינצן־פופציק־זעקס.

אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונג איז די לופט,
מיט דערוואַרטונג און מיט דופט פון יונגן בעז.
ווינטלעך ברענגען צו דער קאָמונאַרן־וואַנט
ווייכע, ווייטע טענער פון דער מאַרסעליעז.

*) קאָמונאַרן־טאָג, ווען די פּאַריזער אַרבעטער מאַרשירן צו דער קאָמונאַרן־וואַנט, וואָס געפינט זיך ביים אַריינגאַנג צום אינטערפעלקערישן בית־עולם פער־לאַשעז.

II

מאַרסעליעז־געזאַנג, יאָגט אָן, זאָגט אָן: זיי קומען!
מענטשן־גאַנג, געזאַנג און זון צונויפגעבלענדט.
ים פון פלאַטערדיקע זעגלען — רויטע פאָנען
אין געזונטע, יונגע מוסקולדיקע הענט.

גאַס און געסלעך, ווי פון טאָרבעס סתם צעשאָטן,
האָבן זיך געטאָן מיט מענטשן אָ צעבלי.
פנימער פון אַלט און יונג, ווי אויסגעקנאָטן
אין די לעבנס־נויטן, ווינט און שוויס און מי.

קינדער, ליכטיקע, פון אַרבעטער פּראָוונצן
טראָגן בינטן בלומען רויטע, פריש־צעבליט.
קינדער־חן פּאַריזער, דופט פון רויטע רויזן,
רויט פון פאָנען, בלומען, קאָמונאַרן־ליד.

דורות יורשים פון פּאַריזער קאָמונאַרן,
זין און טעכטער, טרייע בויער פונעם לאַנד,
אין דעם לאַנדס געראַנגל, דורותדיק דערפאַרן,
שטראָמען ציל־באַוואוסט, צו קאָמונאַרן־וואַנט.

III

מיד פון גיין ביז זונפאַרגאַנג האָט טאָג גענומען פאַלן
צו דער קאָמונאַרן־וואַנט און דאָרט געבליבן קניען.
אויף די דענקמאָל־נעמען לעשן זיך שוין לעצטע שטראַלן.
דופט פון רויזן, דעמערונג און סוף־מאַיאיק בליען.

אין דעם שטילן בלוי פון אָונט, ליכטיקן געשטאַלטן —
העלדן, יעדער פון זיין צייט און לאַנד מיט פרייהייט־פאַנען.
צייטן פינצטערע, פון זיי צעבליצטע און צעשטראַלטע;
לעבנס אָפּגעגעבענע פאַר דער פרייהייט פון מיליאָנען.

נעמט מיך דורך אַ ציטערדיק געפיל, ס׳איז יעדער נערוו אַ סטרונע.
כ׳שטיי אַזוי פאַרלוירן, אין ערפורכט דעם קאָפּ געבויגן.
טוט אַ פלייץ מיט ווייסן ליכט, סוף־מאַיאיקע לבנה,
שליסט דאָס בלענדנדיקע ליכט מיר צו די אויגן.

כ׳שטיי מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַלץ אין מיר איז ליכטיק.
כ׳הער אַ קול, עס דרינגט פון מיר און קומט צוריק פון ווייטן,
ס׳קומט צוריק אין אַ געזאַנג, העל־לויכטנדיק, דורכזיכטיק
אויסגעלייטערט אין דעם פרייהייט־דראַנג פון אַלע צייטן.

אין געזאַנג פאַרנעם איך ווערטער קלאָרע, וואָס דערציילן
פון געראַנגל, זיג און דורכפאַל — אַלץ אין גרויסער וואונדער:
פריי־זיין־דראַנג אין איין טייל וועלט וויברירט אין אַלע טיילן,
ווייטסטער ווינקל פירט געראַנגל, ניט פאַר זיך באַזונדער.

פון די זעלבע קוואַלן — אַלע כוחות, אַלע קרעפטן.
יעדער דור און יעדער וועלט־טייל גיט און קריגט זיין חלק.
טיילן אָפּגעשפּאַלטן וועלן ווידער זיך באַהעפטן.
דורותדיקע העלדן בלייבן אייביק, אייניק, הייליק.

ב. קאַט ד׳אזיר*)

העל-זוניקער עמבלעם

דער בלויער פויגל האָטביים ברעג דאָ, זיינע פליגל
איבער אַלץ און אַלעמען מיט ליבע אויסגעשפּרייט,
אַרויפגעהויכט אויף דעם אַרום זיין צויבער־זיגל —
הימל־בלוי — די פאַרב פון גלויבן, האָפענונג און פרייד.

די כוואַליעס רוישן דאָ ניט זינלאָז — זיי דערציילן
שטיפערישע מעשות, וואָס דערפרייען דאָס געמיט, —
פאַרצווייפלטע און קראַנקע טרייסטן זיי און היילן
און באַהעפטן זיי צוריק מיט אַלץ וואָס וואַקסט און בליט.

ס׳איז פרעמד דעם טאָג דאָס זינלאָז טומלעניש און יאָגן.
זון ווייזט קלאָר, וואָס פאַלש, וואָס עכט;
ווי פריי עס שטראָמט דאָס גינגאָלד פון די זוניקע באַטאָגן,
ווי פריי דאָס זילבער־ליכט אין לבנהדיקע נעכט.

פון ראָזע פינגער טריפן פערלדיקע טויען
אין פאַרטאָגן. לעצטער שטערן, בלאַסער, לעשט זיך אויס.
פרימאָרגן עפנט אויגן, לויטערע און בלויע,
בליט אין מזרח אויף די זון — אַ פייערדיקע רויז.

עס האָבן שטיבלעך העלע, גאָלדענע און ווייסע,
אויף די ברייטע פּלייצעס פון די אַלפּן זיך געשטעלט,

*„קאַט ד׳אַזיר" — „בלויער פּאַס". אַזוי ווערט באַצייכנט אין פראַנקרייך די ריוויערע, וואָס געפינט זיך אין דרום־פראַנקרייך, ביי דער איטאַליענישער גרענעץ, ביים ברעג פון מיטלענדישן ים.

פאַרקלערטע, הערן זיי — אַ באַרג דערציילט אַ מעשה
פון אַ וועלט אַ פרידלעכע, אַ גוטע, קלוגע וועלט.

עס פאַלן שטערן פונעם הימל. אַפּעלסינען
גאָלדענע פון ביימער — אין דעם גרין און בלוי פון נאַכט.
עס בייט זיך פרילינג מיטן זומער. פּאַלמעס גרינען,
פּירות צייטיקן און רייפן. נייער פרילינג וואַכט.

די גאַסן — גערטנער בלומען, ווייסע, רויטע, ראָזע.
ביימער, צווייגן — פרוכט באַלאַדן, שטרעק די הענט און נעם
און אומעטום בליט די גאָלדענע מימאָזע —
ליבלינג־בלום פון „קאָט ד'אַזיר" — העל־זוניקער עמבלעם.

ביים בלויען ברעג

כוואַליעס קומען טאַנצנדיק, מיט זיי צוזאַמען
שטראָמט די פרייד אַ יונגע, אין אַ נעץ פון שטראַלן.
גוט איז זיין אַוועק פון שטורעמדיקע ימען;
ווייט פון ברעג, וואָס כוואַליעס קריגעריש באַפאַלן.

ביי דעם ברעג דאָ, מעוועס הוידען זיך און וויגן.
טויבן וואָרקען אויף די דעכער פון די שטיבער.
אַלפּן קרייזן־אום דעם ברעג, אין האַלבן עיגול —
בערג, ברייט־פּלייציקע, יעדער באַרג אַ גיבור

הויבן זיך אָן גאווה איבער פּאַלמעס, דעכער,
אויף די אַקסלען, ווייסע שטיבלעך. שליאַך פון בלעטער
פילקאָלירטע, — פירט אַרויפצו, — ווילסט גיין העכער?
האָסטו שטעגלעך שמאָל־געדרייטע, נעם און קלעטער. —

אָן אַזאַרטן פאַלש־געקרייצטע וואָס פאַרפירן,
אָן געוועטן צו געוויגען און באַזיגן.
באָד דיין בליק אין ים פון פריידיקע קאָלירן.
מיט דער זינגענדיקער לופט באַהעפט דיין ניגון.

פויגל בלויער, אין דיין לאַנד, ווי קלאָר, ווי לויטער
ס'איז דער הימל, אַ דורכזיכטיקער, ווי אָפן.
ווער האָט אויסגעטראַכט אַ גאָט, אַ נוקם ונוטר?
כ'זע נאָר שלום, פרייד און רחמים איבער די אין־סופן.

אַ יום-טוב אין מאַנטאָן

עס האָט דער טאָג היינט פרי צעשטראַלט זיך,
נישט קריג צו יובלען, נישט דעם העלד פון שווערד.
פאַר מענטש פון מי האָט פרייד צעשאַלט זיך —
ס'איז יובל־טאָג פאַר שפע פון דער ערד.

קאָלירן ליכטיקע און בונטע,
דורך גרינע בלעטער, גאָלד פון פירות בלענדט,
זיי ציען צווייג פון בוים אַרונטער,
אַריינצופאַלן גרייט אין מענטשנס הענט.

פון פרוכט דער דופט, פון בלום און גראָזן,
עס קומט דאָס פאָלק, וואָס שאַפט און פלאַנצט און זייט.
דאָס צירונג — גאָלדענע מימאָזן,
באַצירט דאָס פראָסטע יום־טובדיקע קלייד.

דער זעלבער מענטש פון פאָלקס משפחה,
מיט יעדן איינעם טיילט די שמחה דאָ,
אין יובל־טאָג פון שפעס ברכה,
אין דער צעהעלטער, זון־צעפלאַמטער שעה

גייט זון אַריבער הימלס ברעגן,
פון אַלפּן שטראָמט איר שטראַלנדיקער רייץ;
עס רעגנט זון אויף אַלע וועגן,
עס איז מיט גאָלד דער בלויער ברעג פאַרפלייצט.

עס טאַנצט מאַנטאָן צו פלייט און פידל.
אָ, יום־טוב פרייד, דו מענטשלעכע — מיין ליד!
ווי שיין ביסט, פאָלק, אין פרייד און פרידן,
זאָלסט זיין פון קריג אויף שטענדיק אָפּגעהיט.

אָנקומענדיקער שטורעם

עס האָבן קריגערישע ווינטן זיך דערוואוסט
פון בלויען ברעג, דעם פרידלעכן און שטילן.
משחיתים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט לוסט,
דעם קריגערס בייזן ווילן צו דערפילן.

אַ וואָלקן שוואַרץ האָט זיך געשאַרט ביים הימלס ראַנד.
דערשראָקן זענען מעוועס אומגעפלויגן.
עס האָבן דינע, לאַנגע שאָטנס אומגעשפּאַנט
און אויסגעקוקט דאָס לאַנד פון בלויען פויגל.

סוף טאָג שוין האָבן גרויע, שוואַרצע וואָלקנס, שנעל
גענומען זיך דעם הימלס בלוי פאַרדעקן,
און וואו ס'איז נאָר געבליבן נאָך אַ ווינקל העל,
אַ פּינטל בלוי — פאַרשוואַרצן עס, פאַרפלעקן.

אַ ציטער האָט געטאָן, אַ צאַפּל — לעצטער שטראַל,
די אַלפּן־בערג, אין פינצטערניש פאַרשווינדן.
פאַרלאָזן איז דער ברעג אויף הפקר, צום באַפאַל
פון בייזן שטורעם־ווינט, אין חושך בלינדן.

אַ בליץ די נאַכט צעשפּאַלט — אַ פייערדיקע שווערד.
דאָס קנאַלן פון מיליאָנען בייטשן טרייבן, יאָגן;
ווייס־גריוועדיקע האָרדעס שוואַרצע, ווילדע פערד,
אין צעווילדעוועט געלאָף צום ברעג זיך טראָגן.

איך הער דאָס ווילדע שטורעמען מיט אַנגסט און שרעק,
עס הערט ניט אויף אין שלאָף דער פּיין מיך קוועלן:
איך ווייס, דו ביסט אין גרויס געפאַר, מיין בלויער ברעג.
אָ, וועלן, מיינע שטיפערישע וועלן.

נאָך אַ שטורעם

עס האָט אַ יונגע זון מיך אויפגעוועקט:
— שטיי אויף; עס וואַרט אַ טאָג, אַ ביי־געבוירענער,
עס בענקט נאָך דיר דיין שטילער, בלויער ברעג.
עס שמעקט מיט טוי דאָס גראָז, דאָס פריש־געשוירענע,
פון ביידע זייטן סאַמעט־גלאַטן וועג.

איך גיי צום טאָג מיט לויב אין מיינע טריט.
די אַלפּן־ריזן זיכערע און ליכטיקע
באַגריסן מיך, מיין יום־טובדיק געמיט.
עס זינגען כוואַליעס לויטערע, דורכזיכטיקע,
צום ברעג דעם בלויען, זייער פריידיק ליד.

אָ, בלויער ברעג, אויך איך זינג לויב און דאַנק.
איך זינג דאָס מענטשלעך־פרידלעכע, באַשטענדיקע.
פון גיפט פון אייגענער עס שטאַרבט די שלאַנג;
דער שטורעם האָט זיין צאַם, ער מוז זיך ענדיקן.
עס בלייבט דאָס שיר־השירימדיק געזאַנג.

איך זינג דעם פרייען פויגל־פלי אין רוים,
דאָס ליד פון גלויבן — איינס דעם צווייטן טרויענדיק;
די פולע זאַנג, דעם בליענדיקן בוים,
געזאַנג פון פאָלק מיט פאָלק אין פרידן בויענדיק, —
דאָס לעבן אייביקע — דעם מענטשנס טרוים.

אין לאַנד פון בלויען וואונדער

איך קום צו דיר אין טויאיקע פרימאָרגנס.
מיר דאַכט, עס טרעט אויף ערד אויף הייליקער מיין טראָט,
און אַלץ, וואָס איז געווען ביז איצט פון מיר פאַרבאָרגן,
אַנטפּלעקט זיך עס פאַר מיר דאָ, ווי אַ ליבעס־סוד.

איך זיץ ביים ברעג אין זוניקע באַטאָגן.
איך זע די שטראָמען פליסן פריידיק, שפּילעווודיק, —
איך הער די כוואַליעס מורמלען, ווי זיי וואָלטן זאָגן:
אַז ניט אין רוישן, ניט אין יאָגן איז דאָס גליק.

פאַרנאַכטן שפּרייטן לופטיקע וואואַלן.
אַ זיסער דופט צעווייעט, ווי פון פרויען הענט.
ביי מיר אין האַרץ באַהאַלטן זיך נאָך שטראַלן
פון זונפאַרגאַנג. דער אָפּשיין אויף אַ בוים דערברענט.

די נאַכט די שטילע, ווי אַ מאַמע וואַכט דאָ,
עס ליגט דאָס בלויע לאַנד פאַרוויגט אין שלאָף, אין רו.
נאָר איך בין וואַך דאָ אין דער שפּעטער נאַכט־שעה.
מיך וויגט די שטילקייט, כוואַליעס מורמלען צו:

— דו ביסט אין לעבנס־לאַנד פון בלויען וואונדער.
ש — שאַ, שש, שלאָף, דיין טומל־וועלט פאַרגעס —
הפלגה־דור פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, —
דער טויט איז דאָרט דער סדר — לעבן איז אַ נס.

אין ווילד אַזאָרט — פאַרלירן, צי געווינען,
ווערט מענטשנס הייליק לעבן דאָרט אין קאָן געשטעלט.
בלייב דאָ, וואו אַלץ אין לעבן האָט אַ זינען,
אין הימל דאָ, ביים בלויען ברעג, דיין שטערן העלט.

געזעגענונגס-ליד

כוואַליעס פרייע, פרידלעך־פריידיקע און שטילע
בלוי־לאַנדס בלאָנדע, זוניק־בלענדיקע מימאָזן,
נעמט, פאַרנעמט מיין ליבגעזאַנג, מיין דאַנק און תּפילה,
איך וועל בענקען, נאָר איך מוז אייך איצט פאַרלאָזן.

לאַנד פון פויגל בלויען, גיב מיר מיט דיין ברכה;
אויף דעם וועג צו טומל־וועלט, — אָ, בענטשט מיך, שטראָמען!
דאָרטן וואַרט אויף מיר מיין ריזיקע משפּחה
פון מיליאָנען מענטשן — הונדערטער־מיליאָנען.

כ׳בין אַ טייל פון זיי און זייער גורל טייל איך,
פון אַמאָל, אַמאָל ביז איצט, ביז ווייטסטע ווייטן.
ניט קיין שטח מעסט איך, ניט קיין יאָרן צייל איך, —
כ׳זינג דעם זין פון לעבן און דעם גאַנג פון צייטן.

פייערן פון גיהנום וועט דער מענטש פאַרלעשן, —
ער וועט וויסן גוטס פון שלעכטס צו אונטערשיידן,
פאַלשע פריידן רעווען איצט אין דזשעז פון מעשן,
אַנדערש זינגען מענטשנס אמתדיקע פריידן.

יושר וועט געווינען, זיגן וועט דער אמת,
כ׳זינג דאָס גליק פון דעם, וואָס צווייטנס עול פאַרגרינגערט:
צווייטנס עול פאַרגרינגערט און ער פרעגט ניט: „וועמענס״.
דאָס געזאַנג זיינס, נישט פאַר זיך נאָר זינגט דער זינגער.

* * *

מעוועס ווייסע, זילבער־פליגל אויסגעשפרייטע,
זון אין מיינע אויגן, פרייד אין מיינע גלידער.
בלויער פויגל וועט מיך פונעם ברעג באַגלייטן
מענטש, זיין גליק, זיין לעבן — ליד פון מיינע לידער.

אַ זון און אַ רעגן

(אין טאָן פון פראַנצויזישן שאַנסאָניערן־ליד)

איך גיי צו מיין געליבטער,
נייע שיך היינט אָנגעטאָן
פאַר מיין געליבטערס וועגן —
שיינט אין האַרץ ביי מיר די זון,
אין דרויסן גייט אַ רעגן.

איך גיי צו מיין געליבטער,
כ׳וואָלט עס עמעצן דערציילט,
קומט קיינער ניט אַנטקעגן —
אַז מיין האַרץ איז פול מיט פרייד,
דערצייל איך עס דעם רעגן.

איך גיי צו מיין געליבטער,
פיר מיך, רעגן, פיר מיך, פיר,
כאָטש ביז צום הויז צו אירן —
רעגן פּאַטשט אין פּלייצע מיר:
נו, קום, איך וועל דיך פירן.

צענעצט די שיך, די נייע,
און דאָס העמד — ערשט פריש געפּרעסט,
(איך בין אַליין די וועשין).

אָבער איין זאַך, רעגן — ווייסט
מיין ליבע ניט פאַרלעשן.

איך גיי צו מיין געליבטער
און דער רעגן גייט מיט מיר —
ס׳איז פריילעכער צוזאַמען.
כ׳טראָג אַ פינגערל פאַר איר;
אַ שאַלעכל — איר מאַמען.

אָ, ליבסטע מיינע, מיידל,
כ׳זע דאָס הויז, די טיר, באַלד, באַלד;
אַט לויפט זי מיר אַקעגן
און איר פּנים, ווי עס שטראַלט,
אַ זון אינמיטן רעגן.

אין לאַנד פון זיווּג און פון ליבע

אין דעם לאַנד פון זיווּג און פון ליבע
האָט זיך יעדע רגע קלאָרן ציל און טיפן זינען.
פריי און אָפן צו דעם עתיד, שפרייטן זיך די וועגן, —
ס׳איז ניטאָ קיין שלעכטס, ס׳איז ערגעץ וואו אַנטרינען.
וואו מיר קערן זיך און ווענדן, קומט דאָס גוטע אונדז אַנטקעגן.
דאָ, מיין ליבסטע, וועלן מיר פאַרבלייבן,
צו דער וועלט, פון דאַנען בריוולעך שרייבן...

(פון בוך „שטורעמס און רעגנבויגנס״)

אומדערוואַרטערהייט

איך האָב פון דיר אין שלאָף געחלומט דורך די נעכט,
דיך אומגעגאַנגען זוכן טעג און טעג
און וואו איך בין געקומען האָט מען מיר געזאָגט:
זי איז געווען און האָט אויף דיר געפרעגט.

מיר האָבן לאַנג זיך אויסגעמיטן, זיך געדרייט,
ווי אין אַ קרייז, צעטיילט און אָפּגענאַרט, —
געקומען פרי, געקומען שפּעט — די זעלבע רייד:
זי איז געווען; געוואַרט, זיך ניט דערוואַרט.

און אומדערוואַרטערהייט געשען האָט, וואָס געגאַרט
מיר האָבן יעדע שעה פון דעם מעת־לעת. —
מיר האָבן זיך דערזען, דערקענט און זיך דערפרייט.
עס האָט מיט אונדז געשען דער גרויסער נס.

עס וועבט זיך אַרום אונדז דער איצט

דור־דורות
זיינען מיר איינס צום אַנדערן געגאַנגען
אָן אַ צייכן, אָן אַ סימן און אָן וויסן,
ווי זיך איינס דעם צווייטן צו דערגרייכן.
פון מיליאָנעדיקן מענטשן־פּלאָנטער
זיך אַרויסגעפּלאָנטערט, זיך אַרויסגעריסן;
וועגן טויזנטער באַטראָטן
און אַזוי פיל אויסגעמיטן.
וואו עס זענען ווענט געשטאַנען
צווישן אונדז איינמיטן,

האָבן מיר די װענט צענומען —
איינס צום אַנדערן געקומען.

דור־דורות
האָבן זיך די װעגן אונדזערע געצויגן
װייט־פאַנאַנדער, איבער שטרעקעס אויסגעשפּרייטע.
יעדער האָט זיין װעג געשלעפּט אויף זיינע פּלייצעס,
איינער צו דעם צװייטן,
ביז ס'האָבן זיך די װעגן אונדזערע באַגעגנט —
ביז זיי האָבן זיך פאַראייניקט.

װייט אַװעק איז אונדזער עבר,
װעבט זיך אַרום אונדז דער איצט
און באַהעפט אונדז מיטן שפּעטער, —
װי לעגענדעס פון אַמאָלדיקע געטער.
עס װעט שוין אונדזער װעג
אַריינגעװעבטער אין דעם איצט און שפּעטער,
זיך אַזוי דורך אייביקייטן ציען.
אויס מיט בלאָנדזשענדיקן װאַנדער!
פון ביידע זייטן װעג װעט בליען
אייביק־גרינער אָלעאַנדער, —
ביידע װעלן מיר צוזאַמען
דאָ אויף אייביק בלייבן.

זיי פרייען זיך מיט מענטשנס גליק

איך האָב געהערט די פייגל זינגען מיין געזאַנג צו דיר.
איך האָב דערקענט —
ס'איז דאָס געזאַנג פון מיינע טריט
דורך טאָג און נאַכט;
עס איז דאָס ליד פון מיינע הענט
ווען איך בין וואַך און טו, —
דאָס זענען דאָך צו דיר די לידער
וואָס די גלידער מיינע זינגען
ווען איך שלאָף און רו.

איך האָב געהערט דאָס ווינטל אין די בלעטער פון די צווייגן.
איך וואָלט געשוואוירן —
איך האָב פאַרנומען אין געמורמל
און אין זשומען פון די בינען אין די בלומען,
זילבן פון דיין נאָמען, —
זיי האָבן זיך דערוואוסט,
זיי האָבן דאָס געמוזט דערקענען
אין דעם אָטעמדיקן ריטעם
פון די ליפּן מיינע.

אָ, זיי ווייסן!
כ'זע דאָס דורך די נעכט אין פינקלען פון די שטערן,
אין גלי און ברי
פון זון־שטראַל הייסן אין פרימאָרגן, —
זון און שטערן, ווינט און פייגל;
גראָז און בלומען
ווייסן שוין דיין נאָמען.
יאָ, זיי ווייסן, זיי פאַרשטייען און זיי פרייען זיך
מיט מענטשנס גליק!

מיר וועלן וואַרטן

צווישן היינט און מאָרגן
האָבן מיר צוזאַמען זיך געטראָפן,
אין אַ גוטער, אין אַ מזלדיקער שעה.
ס'איז דער היינט נאָך ניט פאַרגאַנגען,
ס'איז דער מאָרגן נאָך ניטאָ —
ווען מיר שוין וואַרטן, ביז דער מאָרגן וועט זיין דאָ.

איבער היינט, דעם גרויען,
הענגט דאָס בייזע, שלעכטע;
צייט, פון כאַפּ און האָב און לויף און יאָג, —
ביז פון היינט וועט ווערן נעכטן,
ביז די נייע זון גייט־אויף
גרייטן מיר זיך פאַר דעם נייעם טאָג.

נישט צו נאַרן יענעם,
זענען מיר אַהער געקומען,
און ניט דרייען זינלאָז שווערע ראָד;
ווייל דאָס קומען האָט אונדז לאַנג גענומען,
איז אַוועקגיין אונדז אַ שאָד —
איצט אַוועקגיין איז אַ שאָד...

ווייל אונדז בינדט דער גלויבן
צו דעם מאָרגן לאַנג־געגאַרטן:
טאָג פון זין און זיין און פרילינג־גרין —
ווען מיר שוין בעסער וואַרטן
אויף דעם ליכטיקן באַגין —
יאָ, מיר ווען וואַרטן אויפן ליכטיקן באַגין.

אַ קריגל לעבן

איך ווייס נישט, ווי אַזוי, פֿאַרוואָס:
אַ רויכיק קרענקלעכער פרימאָרגן
האָט געהויערט איבער מיר
מיט שווינדלענדיקער, איבלדיקער היץ
און מיך שטיקנדיק געוועקט...
אָנגעגליטע שפּריצלעך גלאָז
האָבן אין די אויגן מיר געשטאָכן —
האָבן זיי זיך האַלב צעעפנט:
אויפן שפּיגל, קעגנאיבער,
האָט אַ שטראַל אַ דינער, ווי אַ שפּיז
אַ בליץ געטאָן און זיך פאַרלאָשן;
דיקער נעפּל האָט דעם שפּיגל צוגעדעקט,
האָבן זיך די אויגן מיינע צוגעשלאָסן, —
ס'האָבן זיך גענומען דרייען דיל און ווענט,
ביז איך בין געפאַלן, מיטן קריגל לעבן אין די הענט —
ניט צעבראָכן, נאָר צעגאָסן — רויט־לעבן.

איך בין געלעגן ווי אַ קראַנקער פויגל,
פון זיין נעסט אַרויסגעפאַלן —
אַ בלייכער פלעק, פאַרלוירענער אין שרעק
אויף אַ דעק פון שרייענדיקן רויט...
האָסטו זיך איבער מיר געבויגן
און פריילינגדיק דאָס פּנים מיר געוואַרעמט און געגלעט
און שטיל, מיט זיכערקייט גערעדט:
דו וועסט אויפשטיין, כ'ווייס דו וועסט —
מיר האָבן געסט:
דיינע לידער, ערלעכע און פּראָסטע,
דיין אייגן פליש־און־בלוט,

קינדער אונדזערע פון זיכערקייט און גלויבן
אין אַ וועלט אַ ליכטיקער, גערעכטער;
דיינע ווייסע טויבן, וואָס באַגלייטן דיך
פון וויגל־אָן,
זענען מיט אונדז דאָ, אין דער שווערער שעה.

האָט אַ בלאָז געטאָן
מיט פרישן ווינט פון פעלד;
מיט צוויט און גרין פון בוים און גראָז
און ס׳האָבן זיך דערהערט די טריט, די מוטיקע
פון העלד — דעם מאַנער פון גערעכטיקייט
אין גאַנג פון דורות,
און ס׳האָט אַ זינג געטאָן
דאָס ליד פון זיין
אין די אָדערן ביי מיר,
און וויטמאַנס קול האָט זיך דערהערט, —
האָבן טרייע, מוסקולדיקע הענט
פון מי און אַרבעטשאַפט,
מיך אויפגעהויבן פון דער ערד...
און ווידער איז געווען פאַרפולט
מיט רויטער קראַפט —
דאָס קריגל לעבן.

* * *

ים,
איך האָב זיך צוגעוואוינט צו דיר.
איך שטיי ניט מער דערשראָקן ביי דיין ברעג,
ווי אַן אורח ביי אַ פרעמדער שוועל.
איך קום צו דיר באַגעמען אין דיין רוישן
טיפע בענקשאַפט מיינע צו דער ליבסטער,
צו דער איינאונאיינציקער ראַשעל.

ים,
איך קום צו דיינע כוואַליעס פרעגן,
אפשר איז ביי איינעם פון די ברעגן
איר שטראַלנדיקער בליק געפאַלן אויף אַ שטיפערישער וועל...
איך בעט איך, כוואַליעס, נעמט צוריק מיט זיך,
אַ בריוול צו דער ליבסטער,
צו דער איינאונאיינציקער ראַשעל.

ים,
איך זיץ און הער זיך צו צום שנעלן
לויף און רויש פון דיינע כוואַליעס —
דאַן לויפן מיינע שעה'ן אויך אַזוי אַריבער שנעל.
אָפט דאַכט מיר, אַז איך טראָג זיך אויפן רוישן
פון די כוואַליעס, צו דער ליבסטער,
צו דער איינאונאיינציקער ראַשעל.

אינדיאַנער זומער

פרימאָרגן־ווינטלעך בלאָזן־אָפּ
פון גראָזן גאָלדיקע און גרינע,
דינעם נעבל זילבערדיק און גרוי.
פון שלאָף פון נאַכטיקן דערוואַכט האָט דער באַגינען
און מיט בלאַסן, קלוגן שמייכל
זיך גענומען שפּיגלען
אין קילן פינקלדיקן טוי.

אין שטראַלן־שפּיל פון לויטערן בורשטין,
בלאַס און אומעטיק און קלוג
שמייכלט אינדיאַנער זומער אין באַגין.
מיט אַ בליק אַ קלאָרן, פון געלייטערטע פאַרטאָגן
נעמט אַרום ער,
ווי זיין בליק וואָלט זאָגן:
יענע פרילינג־טעג, פון אַקער און פאַרזיי,
פון ציטער־צאַפּל און באַהעפטונג;
ווען אַלץ, וואָס אָטעמט אויף דער ערד,
אין זיסן פּיין און ווי באַפרוכפּערט ווערט,
ווען זאָמען־זאַפטן גיסן זיך פאַרשווענדעריש
איבער יעדן ראַנד פון לעבנס־קרוג, —
די צייט פון פאָרן זיך,
פון געבן־זיך און נעמען,
צייט פון שכרות און עקסטאַז,
פון דרינגען און פאַרשלינגען זיך אין יענעם;
צייט פון קיינמאָל ניט געזעטיקט,
קיינמאָל ניט גענוג —

אָ, יענע פרילינג־צייט
אַריינגעגאָסן האָט זיך

אין די זומערדיקע טעג און נעכט,
וואָס ברענען פיבערדיק
און קנוילן זיך און יערן;
ווען אַלץ וואָס איז נאָך ניט געווען
בויטעט זיך און שפּילט,
ווי טרויבן־זאַפט, ווי יונגער וויין
אין דראַנג פון ערב זיין און ווערן.
זומערדיק געבלענד פון טעג און נעכט
געפלעכט פון פיס און הענט;
ווען מענטשן־מי און גאָרטן־גרין און פירות אויפן בוים —
אַלץ וואָס וואַקסט און רייפט און גרייט זיך צום געבורט,
אַלץ קוועלט און רונדיקט זיך
און פורעמט זיך און ציט־אָן הויט.
דאָס גרינע העלט, דאָס העלע רויטלט זיך און ברוינט
און אַלץ גייט־אויף, ווי אין אָנגעהייצטן אויוון
גוט־געקנאָטן ברויט.

איצט איז נאָכן האָבן.
ווער ס׳האָט אויסגעטראָגן און געבוירן,
ווער עס האָט פאַרלוירן.
אַ צופרידענע, אַ מידע, ליגט די מאַמע ערד.
פאַרטרוימט, פאַרקלערט,
ווי נאָך אַ קאָפּ־פאַרדרייענדיקן טאַנץ,
וואַרפט פלאַנץ און בוים אַראָפּ פון זיך
דאָס קלייד פון קופּער־רויט און גאָלד.
ס׳איז צייט פאַר רו, פאַר זינלעכקייט
און שטילער פרייד: —
און זון וואָס וואַרעמט מילד,

אַ שיין וואָס שפּילט ווי חכמה
אין די אויגן פון אַ קלוגן.

עס ציטערט־אום אַ בלאַט אין רוים אין לויטערן.
די לופט, דער הימלס בלוי, דער אַראָמאַט;
אַ פויגל, אַזאַ רואיקער, פאַרטראַכטער
אויף אַ צווייג פון בוים —
און ער און זי
פון פענסטער אָפענעם אַרויסגעבויגן, —
צוויי ליבע מענטשן־קעפּ געמישט מיט גרוי,
אַ זיסער זיפץ, אַ קלוגער בליק,
אַ שמייכל אַ געטרייער,
אַ געשפּרעך אַ האַרציקער, אַ שטומער.
אין די אויגן טרערן פון געלייטערט גליק —
אינדיאַנער זומער.

1948—1939

פון בוך: „שטורעמס און רעגנבויגנס"

א. דאָס לעבן וויינט

ב. סאַן פראַנציסקאָ — שטאָט פון ערב פרידן

ג. לידער צו ש מ א י ׳ ן

ד. אַ מענטש אַנטלויפט אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען

(פאָעמע אין 5 לידער)

א. דאָס לעבן ווײנט

* * *

עס ווײנט אין מיר מײן אײגן לײב, מײן פלײש און בײן,
דורך ווילד געררויש פון טאָג, דורך שטילע נעכט:
אין טיפן, מידן שלאָף אַפילו,
הער איך אַזאַ מוראדיק געוויין —
אַזוי־אָ, ווײנען, ווײנט דאָס לעבן נאָר אַלײן...

דאָס איז דאָס יאָמערן פון דעם לעבעדיקן מין,
געפאַנגען אין אַ ברענענדיקער שטײג,
דאָס ווײנט אַזוי דאָס מענטשלעך לײב, פאַרקלעמט,
צעדריקט אין בערג פון שטאָל און בלײ און צין.
אַזוי באַווײנט אַ מאַמע אירע טויטע זין...

עס ווײנט אַזוי מײן פאָלק, זײן שטאָלץ פאַרשוועכט, געשענדט,
דאָס ווײנט אַזוי די ערד, וואו ס׳האָט דער מענטש,
אַלײן זיך לעבעדיק באַגראָבן. —
דאָס ווײנט דער וואַלד, די שטאַמען — קויל־פאַרברענט,
ווי מענטשן־גופים אויסגעשטעלט, מיט אָפּגעבראָכענע הענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס ווײנט אין מיר מײן אײגן לײב, מײן פלײש און בײן,
דורך ווילד געררויש פון טאָג, דורך שטילע נעכט,
אין טיפן מידן שלאָף אַפילו,
הער איך אַזאַ מוראדיק געוויין. —
אַזוי־אָ, ווײנען, ווײנט דאָס לעבן נאָר אַלײן...

צווישן גרענעצן

(אַ וויגליד)

שאַ—האַ, האַ—האַ, האַ—האַ, האַ.
עס שפּילט די וועלט מיט אונדז — אַ שפּיל אַזאַ, —
אַ בייזן שפּיל אַזאַ,
אַ שפּיל אַזאַ — מיין קינד...

דער טרייבט אונדז אַהין, דער טרייבט אונדז צוריק,
עס טרייבט אונדז אַ וועלט אום קאַסטראַי.
איך, אָן אַ היים און דו, אָן אַ וויג —
יאָגן אונדז לענדער, מיט וועלפיש געוואַי,
אַהין און צוריק.

וויג איך דיך, קינד מיינס, צווישן גרענעצן — צווי,
צווישן גרענעצן צווי — אין ווינט און אין שניי...

שאַ—האַ, האַ—האַ, האַ—האַ, האַ.
זיי האָבן אין זומפּלאַנד פאַרפּייניקט דיין פּאַ —
אַ שפּיל דאָרט אַזאַ,
אַ שפּיל אַזאַ — מיין קינד.

אוי, מיר זענען הפקר, אַ ציל נאָר צו שפּאָט. —
פאַרוואָרט האָט די וועלט אונדז צו שטיין אויף דער ערד —
שטיי איך, מיין קינד, דאָ, מיט באָרפיסן טראָט
אויפן שאַרף פון דער שווערד.
אויפן שאַרף פון דער שווערד, אין ווינט און אין שניי, —
אין ווינט און אין שניי — צווישן גרענעצן צווי.

שטילער, אוי, שטילער אוי, שטילער דו ווינט!
עס שלאָפט שוין די מאַמע, און עס שלאָפט שוין דאָס קינד.

פון שניי איז דאָס קישן,
פון זילבער די דעק. —
לאָז זיי דאָ שלאָפֿן און טראָג זיך געשווינד,
טראָג זיך, אוי טראָג זיך, אוי טראָג זיך, דו ווינט
איבער ימים און לענדער און וועק זיי און פֿרעג:
צי זענען זיי טויב דאָרט, צי בלינד? —

טויב צום געשריי און בלינד צו דעם ווי
פֿון מאַמעס און קינדער, צווישן גרענעצן צוויי...

דער פֿליכטלינג האָט געוויינט

ער איז געשטאַנען ביי אַ פֿענסטער
מיטן פּנים צו דעם אָוונטיקן דרויסן.
דער נייער אָנצוג, וואָס זיין שוועסטער האָט געקויפֿט אים,
איז אויף אים געהאַנגען שעמעוודיק און פֿרעמד, —
אַזוי איז ער געשטאַנען און גערעדט,
ווי געשטיקט פֿון מדבר־היץ און דאָרשט,
געפּייניקט פֿון מיראַזשן, וואָס צערייצן און פֿאַרפּלייצן
און שטראָמען־אויף און רוישן און פֿאַרשווינדן...

דאָס ניט דערציילטע, האָט איר בליק אַראָפּגעלייענט
פֿון דעם בויג און עלנט פֿון זיין פּלייצע.
האָט איר דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט
און זי האָט זיך שטיל צעוויינט.
איז ער געבליבן שטיין אין מיטן וואָרט.
און ווי עס טוט אַ קראַנקע טויב אַ פּאָכע מיט די פֿליגל,
האָט ער געטאָן אַ הייב די אַקסלען
און אַראָפּגעלאָזט די הענט.
האָט זי דערפֿילט דאַן אַז ער ווייסט דערפֿון אַליין ניט

ווי איר שטעכן זיינע פלוצימדיקע, צאַרטע רייד:
„וויין ניט, שוועסטער, זע, איך בעט דיך, וויין ניט!“...

און ווידער האָבן זיינע שאַרסטקע, זיינע האַרטע רייד,
ווי מיט הוילן פויסט געקלאַפּט אויף שטומע ווענט:
— די וואונדן פון מיין גוף,
זיי האָבן זיך צוביסלעך שוין פאַרהיילט,
נאָר אין מיין חלומען בייטאָג, מיט אויגן וואַך,
ברען איך אין די פלאַמען פון די קאַמערן.
און אין שלאָף צעשויבערטן ביינאַכט
פיל איך ווי איך ווער דערשטיקט, —
ווי גאַזן גיפטיקע אין מיין האַרצן האַמערן
און סמען מיר דאָס בלוט.

און ס'טרעפט, אַז אַלצדינג טוט זיך אַ פאַרלעש,
און פינצטער ווערט און פוסט, —
איך הער נאָר — שטעקן שלאָגט אויף מענטשלעך לייב
און עפּעס קנוילט זיך אין דער פינצטער איין אין דרייען.
ס'איז מוראדיק אַזוי,
ווייל נישט עס וויינט און ניט עס קלאָגט;
איך הער נאָר אברים צאַפּלען זיך און ראַנגלען,
ניט צו שרייען...
און ווי עס שפּאַלט די האַק דעם בוים
אַזוי צעהאַקט די שווערד אַ מענטשנס לייב
און ס'פּאַלט אַ גוף צעשפּאָלטענער אין צוויי,
אויף וויסטער ערד פאַרשאָלטענער, אין שניי.

איז זי אַזוי געזעסן און געביסן זיך די ליפּ
פון בושה און פון וויי, פאַר איר זאָט און רואיק לעבן,
וואָס זי האָט די אַלע יאָרן דאָ געפירט.
האָט זי שטיל אין זיך געוויינט

און ווי אַ קינד געטאָן אַ כליפּ.
האָט עפּעס פאַר זיין בליק, ווי אַ בליץ געטאָן אַ שטראַל.
ער האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַ דריי צו איר,
געזען איר וויינענדיק געזיכט און נישט גערעדט,
נאָר געטאָן אַ פאַל צו אירע פיס.
און ס'האָט זיך פון זיין האַלדז אַ ריס געטאָן אַ שלוכץ
און ס'איז געשען דער נס מיט משהס וואַסער־שטראָם פון שטיין —
ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיינע טויבע, שטומע מדבר־יאָרן
דערהערט זיין אייגן מענטשלעך, ריין, באַפרייענדיק געוויין.

דער רעגנבויגן האָט זיך פאַרשעמט

— — — און ס'האָט די ווייסע טויב זיך אומגעקערט צוריק
און מיטגעבראַכט דאָס גרינע בלעטל אַלס אַ צייכן,
אַז ס'האָט אויפגעהערט פון בלוט דער רעגן,
אַז כוואַליענדיקע מבול־שטראָמען האָבן זיך געשטילט;
אַז ס'האָט די ערד מיט בלוט זיך אָנגעטרונקען זאַט
און ס'איז דער ים צוריק אַריין אין זיינע ברעגן...

— — — און ס'איז גרין געווען דאָס בלעטל
אין פּיסקל פון דער ווייסער טויב,
נאָר ס'איז אַ פליגל־שפּיץ ביי איר געווען באַשפּריצט מיט בלוט
און לאַנגע טעג און נעכט געדונערט האָט, געבליצט,
ביז ס'האָט אין הימלס ברעג באַוויזן זיך אַ רעגנבויגן, —
דאַן האָט די תיבה לאַנגזאַם זיך געזעצט.
די ווייסע טויב איז ערגעץ־וואו אַוועקגעפלויגן...

— — — און אויף דער ערד דער דעמפּער, דורכגענעצט מיט בלוט,
האָט תיבה זיך געזעצט און האָט גערוט

מיט לעצטן איבערבלייב, גערײַטעוועט אין אירע ווענט.
איז שטיל אַזוי געוואָרן מיטאַמאָל,
ווי ס'וואָלט דאָס האַרץ דער וועלטס זיך אָפּגעשטעלט.
דאַן האָט אין שטילקייט זיך דערהערט אַזאַ זשאַווערדיק געדריי
פֿון שליסל אין אַ שלאָס פֿון שטאָל, דאָס שווערע פֿאַלן פֿון אַ ריגל,
און עפּעס האָט נאָך אַזוי פֿײַנלעך לאַנג געדויערט,
ביז ס'האָט אַ האַנט דעם זיגל אויפֿגעריסן
און מיט אַ סקריפּ און אַ כליפּ האָט צעעפֿנט זיך דער טויער.

— — — און שווער האָט די שטילקייט געדריקט
און שטום האָט אַלץ געוואַרט,
ביז פֿון תיבה אַרויסגעקומען איז מיט טריט ניט זיכערע,
דער ערשטער פֿון דעם מבולס איבערבלייב —
אַ ייִד, אַ קינד מיט גרויע האָר:
אַ יתום־קינד פֿון פֿאָלק, אַן אַלטער ייִד פֿון צוועלף יאָר!
און נאָך אַ ייִד, און נאָך — און נאָך — און נאָך —
פֿון דורות נאָר די לעצט־געבליבענע
און אויך דער אָנהויב פֿון אַ דור —
קומען און פֿאַרשווינדן אין בלוילעכן קאַיאָר...

— — — און אָט פֿאַרלאָזט אַן אַלטער ייִד, דאָס לעצטע קינד,
דער תיבהס שוועל.
ער הייבט די אויגן אויף צום רעגנבויגן מיד,
ער טוט אַ זיפֿץ און לאָזט זיי שנעל אַראָפּ;
אויגן קינדערשע, נאָר פֿול מיט טרויער,
פֿול מיט חכמה פֿון דערפֿאַרונג —
פֿאָרשט דער ייִד, דער אײביקער, דער גייער,
וואָס פֿאַרהוילט פֿון אים דער שלייער
פֿון דער לעצטער נאַכט־שעה?
ער הערט זיך גוט אין שטילקייט איין,

צי לויערן געפאַרן אויפן נייעם וועג
און גייט אַוועק מיט טריט, וואָס ווייסן מער שוין ניט פון שרעק...

עס שטייט די תיבה לער, דער טויער אָפן,
ווי אַ ריזיק מויל, אַ שוואַרץ, וואָס אָטעמט שוין ניט מער,
און פלוצים הערט זיך פון דער תיבה אַרויס
אַ טראָט אַ געגנדזשענער, אָפגעהאַקט און שווער —
צו תיבהס שוועל דער טראָט דערנעענט זיך
און ס'קומט אַרויס און בלייבט ביים טויער שטיין
מיט אויגן בלוט־פאַרגאָסענע —
דער גזלן פון דער וועלט, דער יידן־מערדער,
וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דיין תיבה — גאָט,
מיט זיין קרבן פון דיין פאָלק!...
עס הייבט דער מערדער אויף זיין קאָפּ צום רעגנבויגן,
ער טוט נאָך אַזאַ חוצפּה'דיקן לאַך —
און ער פאַרשווינדט אין חושך פון דער נאַכט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער רעגנבויגן האָט זיך אַ פאַרשעמטער
מיט אַ וואָלקן צוגעדעקט...

דער מאַן דערציילט זיין פרוי וועגן מינכען־נאַכט, ניינצן אַכט־און־דרייסיק

איך ווייס נישט, צי כ׳בין וואַך געווען,
צי איך בין געשלאָפן,
נאָר ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,
אַז כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געהערט אַ יאָמערן
פון לויפנדיקע מחנות אידן...

איך אַליין —
בין ערגעץ אין אַ גרוב געלעגן,
מיט געליימטע הענט און פיס...
עפּעס אַ פאַרזעעניש,
האָט מיט אָנגעגליטער שפּיז
מיר דאָס לייב געברענט
און אַ הויכער מאַן, אין אַ צילינדער
איז געשטאַנען און געלאַכט...
איך האָב געוואָלט זיך ווערן,
האָב איך נישט געקענט...
איך האָב געמאַטערט זיך צו שרייען
איז מיין מויל געווען פאַרמאַכט...
אַזוי, אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט...

איך בין געלעגן און געהערט,
ווי עס האָט דער ווינט געפּאַטשט
מיט רעגן אויף די שויבן — — —

איך געדענק,
עס האָט אַן אײרישמאַן געזאָגט:
„אין דרויסן רעגנט קעץ און הינט"...
איך זאָג דיר,
אַז עס האָבן װעלף געװאָיעט
אין רעגן און אין װינט
און ס'האָט זיך מיר כסדר נאָר געדאַכט,
אַז עס זײנען טויזנטער געלאָפן
און געשריגן: העלף! העלף! העלף!
נאָר ס'האָט קײנער ניט געהאָלפן — —
װאו עס איז אַ טיר געװען נאָך אָפן,
האָט זי זיך פאַרמאַכט...
און װאו עס האָט אַ ליכטל נאָך געברענט,
האָט זיך עס פאַרלאָשן...
און װער עס האָט זיך יאָ אַ לאָז געטאָן צו העלפן
האָט מען אים דעם װעג פאַרשטעלט...
אַ װעלט, אַ װעלט!...

דיינע שונאים

דיינע שונאים, פאָלק מיינס, דיינע בייזע שונאים,
זענען אויך די פרייהייט־שונאים פון דער וועלט;
און דער וואָס האָסט און שעלט דעם טרוים פון פרייהייט,
דער האָסט דיך אויך, מיין פאָלק, דער בילט און שעלט.

דער שונא אונדזערער איז ווילד און גרויזאַם, ער טונקט אין גיפט
די שווערד, וואָס ברענגט אונדז אום.
דאָך אייביק שטאַרק און מילד איז האַנט פון פרייהייט,
וואָס נעמט אונדז צאַרט און טרייסטנדיק אַרום.

דו האָסט, ווי יעדער פאָלק, אויך אייגענע פאַררעטער,
וואָס ווילן שפּאַלטן און צעברעקלען אונדזער קראַפט.
זיי בייסן, ווי מיט שלאַנגען־גיפט, די הענט פון אונדזערע רעטער
און זיי פאַרשוועכן דיין מאַרטירערשאַפט.

נאָר זיי, וואָס שעלטן, זענען דאָך אַליין פאַרשאָלטן. —
זייער קללה גייט זיי נאָך אין גרוב אַריין.
און דו, מיין פאָלק, ביזט ווי די פרייהייט — אייביק
און ווי פרייהייט וועסטו אייביק זיין.

ב. סאַן פראַנציסקאָ — שטאָט פון ערב פרידן

סאַן פראַנציסקאָ!
דו טראָגסט דעם נאָמען דיינעם,
דעם נאָמען פון אַ הייליקן,
ווי עס טראָגט דאָס היטל אויף אַ זייט,
פאַרשייט און חנעוודיק,
אַ יונגלינג אַ מאַטראָס.
די גאַסן דיינע קלעטערן
כסדר באַרג אַרויף
און דיינע בריקן פלאַטערן,
ווי אויסגעשפּרייטע פליגל
פון אַן אַלבאַטראָס.

דו, ריזן־קינד פון ים און בערג,
פון זון און ווינט;
דו שטייגסט אַלץ העכער און דו גייסט
מיט דיינע צווילינג־בערג
אין אַ פאַרמעסט.
דיר פּאַסט דיין אַרבעט־קלייד,
און טויזנט חנען גיט דיר צו
דאָס גאָלד און גרין פון „גאָלדן־געיט",
און זעסט כסדר אויס, ווי וואָלסט געוואַרט
אויף אָנגעלייגטע געסט.

סאַן פראַנציסקאָ!
שטאָט פון פרייַנטשאַפט, פרייד און פרילינג,
שטאָט פון רחבותדיקע סקווערן.
דיינע הייזער אויסגעפּוצטע,
שפּאַנען שטיפעריש אַרויף, אַרויף די בערג.
מען קומט צו דיר פון ווייטע שטעט, פון פרעמדן לאַנד
באַוואונדערן און ערן דאָס שותפות־ווערק
פון גאָטס און מענטשנס שעפערישער האַנט.

אין איינער פון די ווייסע היימען

עס האָבן קינסטלער־הענט פון ריזן מעכטיקע,
ניי און אַנדערשדיק
די גאַסן דיינע אויסגעבויגן —
אַרויף, אַראָפּ, אַ באַרג, אַ טאָל, —
אַז וואו איך ווענד די אויגן מיינע
און וואו איך שטעל מיין טראָט,
זע איך דיך, מיר דאַכט, צום ערשטן מאָל —
מיין שטאָט, מיין היים, —
פון אַלע שטעט, דו שענסטע שטאָט.

עס איז מיר ליב אין דיינע גאַסן
אויף־און־אָפּ צו שפּאַנען
און באַגריסן יעדן,
ווי מען גריסט זיך צו גאָר אַלטע, גוטע שכנים.
פון דערווייטנס, זעען דיינע גאַסן אויס,
ווי מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען, ווייסע שוואַנען;
דאַכט זיך,
אַז אין איינער פון די ווייסע היימען
איז אַמאָל מיין קינדער־וויג געשטאַנען.

דער ים ביי דיינע ברעגן

צו ווען עס איז שלעכט דער ים און בייז,
גאָר דיר איז ער געטריי און האָט דיך ליב.
ער היט דיך דורך די נעכט,
כסדר ברומענדיק און מורמלענדיק,
ווי ער וואָלט צו עמיצן גערעדט.

עס טרעפט, ער בייזערט זיך
און וואָרפט זיך אום
און רוישט און שרייט און שטילט זיך איין —

דאַן וואַשט ער ווייך און גלעט און צערטלט
דײַנע פעלדזן־טריט
און וויגט דיך אײַן מיט מעשה און מיט ליד
פון ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער־ווײַט.

אין קלאָרע, אין לויטערע באַטאָגן,
לאַכט דער ים מיט זוניקן געלעכטער.
דײַנע טאַנצנדיקע כוואַליעס
יאָגן שפּרינגענדיק צו דײַנע ברעגן;
זיי טוען אַ צעוואָרף, אַ צעשפּרייט
אויף דײַנע זאַמדן
הויפנס דימענטן,
וואָס בליצן אין זילבער־ווײַסן שוים,
ווי קרוזשעוועס און שפּיצן
אויף אַ גאָלדן קלייד —
אַזוי קומען זיי צו לויפן
און אַנטלויפן מיט אַ רוישנדיקער פרייד.

עס טרעפט,
די כוואַליעס נעמען דײַנע קינדער אויף די פּלייצעס
און שפּילן זיך מיט זיי,
און שטיפן אום און שפּרינגען איבער זיי
און וואַרפן זיי אַרום —
מישט זיך אויס דאָס כוואַליענדיק געררויש
מיט פרייד פון זון און קינדערשן געשריי.

ביי די ברעגן פון די פעלדזן־צאַמען,
שטייען טאַטעס, מאַמעס
און מען קוקט פאַרטראַכט צום ים.
זאָגט אַ טאַטע צו אַ מאַמען,
מיט אַ זיפץ און מיט אַ תפילהדיקן טאָן:
אוי, עס זאָל שוין טאַקע זײַן אויף תמיד
שלום אויף דער ערד
און איבער אַלע ימען...

דו אויסדערוויילטע מזלדיקע שטאָט!

(דער ציקל לידער איז געשריבן געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ אין יאָר 1945, ווען עס זענען געמאַכט געוואָרן די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ פון די פאַר־אייניקטע פעלקער פאַר פרידן.)

עס שפּאַלטן זיך די וואָלקנס.
פאַרבלוטיקט פאַלט די זון אַראָפּ צום הימלס ברעג
און צינדט דעם ראַנד.
עס האָט דאָס פייער זיך פאַרשפּרייט,
דער הימל ברענט אַ פייערדיקער, רויטער —
אַן אָנזאָג:
עס וועט מאָרגן זיין אַ שיינער טאָג!
עס וועט זיין אַ גרויסע פרייד,
נאָך אַזוי פיל שטורעמדיקע טעג,
זען אַ הימל בלוי און לויטער...

פרילינג־ווינטן פירן אַן געראַנגל
מיט דער שוואַרצער נאַכט,
מיט די בייזע כוחות פון דער וועלט;
לאַנגזאַם, טראָט נאָך טראָט
ווערט די פינצטערניש פאַריאָגט.
דער הימל בלויט, דער דרויסן העלט.
עס טאָגט!

און זע, אָ זע, דו גליקלעכע פון גאָטס גענאָד:
ס'האָט פריי'ר, ווי אומעטום,
אויף דיר אַ פאַל געטאָן
דער ערשטער שטראַל פון אַ נייער זון,
דו אויסדערוויילטע, מזלדיקע שטאָט!

בשורה־צייט

קום אַרויף מיט מיר אויפן העכסטן באַרג
און זע דעם צויבער פון דער אויסדערוויילטער שטאָט,
דאָס געזונטע קינד פון געבענטשטן, קאַליפאָרניער שטאַם.
אָ, זע: די נעפּלדיקע שלייערן פאַלן צו דער ערד.
אַן אויסגעבאָדענע אין די כוואַליעס פון דעם ים,
גייט־אויף אין יונגער נאַקעטקייט די זון —
דאָס ליכט פון ערב נייער צייט...

ס'איז בשורה־צייט!
עס טראָגן זיך בשורות פון דער ווייט,
מיט געוויש פון פרילינג־שטראָמען.
וויפיל האָפענונג און צוזאָג אין דעם הימלס בלוי!
עס איז אַ שטאָט נאָך קיינמאָל ניט געווען באַרימט אַזוי!
נאָר וואָס איז רום, אין פאַרגלייך מיט דעם,
ווי עס ווערט אומעטום,
מיט ליבע און מיט האָפענונג, אַרויסגערעדט דיין נאָמען!

עס איז נאָך פון די ליפּן ניט אַראָפּ
דאָס בשורהדיקע וואָרט
און זע, ווי ברייט און ווייט
עס האָט די בשורה זיך פאַרשפּרייט,
און אַלע ווייסן שוין דערפון!
מיט אַזאַרט־געוועט פון יוגענטלעכן שפּיל
האָבן גאַסן זיך צעלאָזט אין אַ געלויף,
אַרויף, אַרויף, צו די הויכן פון די בערג,
און טויכן שנעל אַרונטער,
מיט אַ שטיפערישער פרייד,
ווי זיי וואָלטן זיך געטראָגן
איבער באַרג און טאָל
בשׂורות גוטע אָנצוזאָגן...

ס'איז בשורה־צייט!
עס האָט זיך ווי צונויפגעמישט
די וואָר מיט חלום...
עס גייען מענטשן אום פאַרטראַכט
און שמייכלען אַזוי צאַרט צו יעדן און צו זיך אַליין,
ווי זיי וואָלטן איצט, צום ערשטן מאָל,
דערזען דאָס גליק, וואָס זיי האָבן לאַנג געגאַרט —
לענדער וועלן זיך דערלאַנגען דאָ די הענט,
פעלקער וועלן זיך דאָ געבן שלום!...

טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן

איבער לענדער זענען נאָך די הימלען,
פון די שריפֿות רויט געצונדן;
רויט געצונדן, ברענען נאָך די וואונדן
און זיי וועלן לאַנג, אוי, לאַנג זיך ניט פאַרהיילן!

דורות־לאַנג נאָך וועט דאָס אומגליק
זיך אַליין דערציילן...
און דאָס זיפצן פון געפייניקטע
וועט מען, דאַכט זיך, שטענדיק הערן
אין געוואָי פון ווינט.

איבער דיר נאָר שפרייטן זיך די הימלען
לויטער בלוי,
און אַ זון אַ יונגע צינדט אָן ליכט אין דיינע שויבן;
אַרום די גאָלדענע קופּאָלן פון דיין שטאָט־הויז
פלאַטערן אַרום אין קרייזן
סטאַיעס טויבן...

טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן,
וואָרקען אויס דאָס ליד פון פרידן
מיט אַזויפיל צוטרוי,
מיט אַזויפיל גלויבן...

עס קומט די וועלט צו דיר צו גאַסט

אָ שטאָט, דו שטאָט!
מיין היים, דו שיינע שטאָט, דו יעדנס היים,
דו אַרבעטזאַמע שטאָט!
דיר זינגט אַ לויב־געזאַנג אַ יידיש קינד,
וואָס שעצט דיך אָפּ און האָט דיך ליב,
ווייל דו ביזט פריי פון פאַראורטייל
צו פאָלק און פאַרב פון הויט.
דו האָסט דורך מי דורך ערלעכער,
דורך ראַנגלעניש און בויט
פאַרדינט דיין גוטן נאָמען.

אָ שטאָט, דו אויסדערוויילטע שטאָט!
ווי שיין, ווי שיין דיר פּאַסט
דאָס ערב יום־טובדיקע האַווען!
מיט אימפּעט און מיט האַסט
האָסטו צעפּראַלט די טירן
פון דייגע וואונדערלעכע שטאָט־בנינים.
עס קומט די וועלט צו דיר צו גאַסט,
האָט זיך מיט שטאָלץ און גליק און האָפענונג
צעשטראַלט דיין פּנים. —
אָ, גאָט! זאָל שפּעדיק פאַר גאָרער וועלט
דאָ אויפגיין דער פאַרזיי
פון געזונטע פריינדס־זאָמען!...

אונדזער פאָן

(פּאָעמע)

(דעם 4טן מאַי, 1945, האָט דער סאַן־פראַנציסקער סימפאָני־שער אָרקעסטער געשפּילט לכבוד די פאַרטרעטער פון זעקס־און־פערציק פעלקער, ביי דער פאַראייניקטער פעלקער־קאָנפערענץ פאַר פרידן, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אין סאַן־פראַנציסקאָ.

דער באַרימטער יידישער פידל־ווירטואָז יהודה מנוחין איז געווען דער סאָליסט ביי יענעם קאָנצערט.)

זעקס־און־פערציק פעלקער
זעקס־און־פערציק פאָנען —
רויט און בלוי און גאָלד און ווייס —
און שוואַרץ אפילו!
פאַרבן און קאָלירן, וואָס באַצירן און דערמאָנען
בלוטיקן געראַנגל, העלדן־מוט און גלויבן.
און דאָס שוואַרצע טוט דערמאָנען
אונדזער טיפן טרויער
נאָך די לעבנס פון מיליאָנען העלדן
ערלעכע און שטילע.

קאָנדעליאַברע־ליכט און בלומען,
יום־טובדיק גערעדעריי פון זיבעציק לשונות,
מישט זיך אויס מיט שטיפערישן פלאַפּלען
פון סטרונע, פלייט און טרובע, —
עס גרייט זיך דער אָרקעסטער,
נאָר דער ערשטער טשעלאָ־שפּילער,

האַלט זיין ליבלינג־אינסטרומענט
מיט ביידע הענט אַרומגענומען,
ווי עס וואָלט זיין איין־און־איינציק קינד
זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיינע קני...
און ער, דער „טאַטע״, בלאַס, פאַרחידושט,
ציילט און ציילט די פאָנען ביי די ווענט. —
עפּעס האָט ביי אים אין האַרץ געטאָן אַ ברי,
עפּעס האָט אַ פּיק געטאָן ביי אים אין זינען —
עס זוכט דער ייד זיין פאָן,
און קאָן זי ניט געפינען...

בלייך און בלייכער ווערט דאָס ליכט.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווערט עס וואו אַנטרינען.
מיטאַמאָל, ווי אומגעריכט,
ווערט דאָס רוישעדיק גערעדעריי אַנטשוויגן.
ס'האָט איינער נאָך אַ שטילן הוסט געטאָן
און שאַ און שטום —
עס הויבט זיך אָן!

עס מורמלען פידלען צאַרט און ווייך
אַן הקדמה־ניגון...
און עפּעס האָט די טשעלאָ ווי געטאָן אַ ברום
און אַ טיפן זיפץ געטאָן.
דאָס פּנים בלייך, די אויגן ברענען,
צאַפּלען אום דעם יידנס פינגער אויף די סטרונעס:
„וואו איז אונדזער פאָן?״
„וואו איז אונדזער פאָן?״
„וואו איז אונדזער פאָן?״

און ווידער שטיל.
שטילער נאָך ווי שטיל...
דער טיק־טאַק פון אַ צענדליק־טויזנט הערצער
האָט אַן אויגנבליק זיך אָפּגעשטעלט...
דער רוים איז לער.
נאָר פּנימער אין דינעם נעפּל איינגעהילט
און אויגן, אויגן, אויגן —
אויגן און געהער!

יהודה שפּילט!
זיך געטאָן אַ בייזער און אַ גלעט.
בעטהאָווען־שפּראַך —
יהודה רעדט:
מיט אונדזער בלוט איז דורכגעזאַפּט די ערד,
אונדזער זיפץ — אין אַלע ווינטן.
אונדזער האָב־און־גוטס — אויף אַלע וועגן;
ווער עס האָט געוואָלט, איז געקומען נעמען.
און מיר וואַרטן, וואַרטן אַלץ געדולדיק!
איז ביי וועמען זאָל מען מאָנען?
וועמען זאָל מען פרעגן?
וועמען? וועמען?
שטיי איך איצט פאַר אייך, איר פּאָנען,
און איך מאָן!.

יהודה וואַרט.
עס צערעדט זיך דער אָרקעסטער.
ווי פאַרשעמט און שולדיק, האָבן אַלע אינסטרומענטן
אויפגעכאַפּט יהודהס טענות.
פידלען, האַרפן, פּויק און טרובע;

טשעלאָ, באַס און פליטן.
יעדער פרעגט באַזונדער,
איינער פרעגט ביים צווייטן,
אַלע פרעגן, אַלע טענהן, אַלע מאָנען
און מיט ווייטיק קלאָגט די טשעלאָ:
זע, אָ זע, אָ זע,
נישטאָ דיין פּאָן יהודה,
צווישן אַלע פּאָנען!

ווי פאַרכישופט האָט אַ זינג געטאָן יהודהס פידל!
יעדע סטרונע זינגט באַזונדער...
יעדער טאָן — אַ ליד.
יעדעס ליד — אַ וואונדער:
וואונדער איבער וואונדער!
אין צוויי צענדליק־טויזנט אויגן
פינקלען טרערן;
ניט זיי זעען שוין דעם פידל און דעם בויגן
נאָר זיי הערן,
ניין, זיי הערן ניט — זיי פילן,
ווי עס מישן זיך צוזאַמען
אַלע פאַרבן פון די פאָנען
מיט די טענער פון זיין שפּילן —
אַ געזאַנג! אַזאַ נגינה,
ווי עס וואָלט פון יעדנס האַרץ אַרויסגעקומען!
די קאָלירן פון די פאָנען און די פאַרבן פון די בלומען
שפּילט יהודה!
איין קאָליר פון צווייטן שענער.
טיילט שוין קיינער ניט פאַנאַנדער
די קאָלירן פון די טענער...

שפּילט ער בעז, און שפּילט אויס רויזן,
ליליען־ווייס און רויטן מאָן —
כריזאַנטעמעס און טולפּאַנען,
שפּילט ער גאָלד פון זאַנגען,
גרין פון בלעטער און די קאָרע פון דעם בוים;
שפּילט און שפּינט און וועבט אויס
ריזיק גרויס אין רוים
אַ פאָן פון אַלע רעגנבויגן־פאַרבן —
די פאָן פון האָפענונג און פרידן —
אונדזער פאָן!

ג. לידער צו שמאי׳ן

גליק־לאַנד

עס דרייט זיך דאָס לעבן אין קרייזן
דאָך גייט עס כסדר פאָראויס,
אויפן שטענגל פון שטעכיקן דאָרן
ווי שיין עס צעבליט זיך די רויז.

מיר גייען צום גליק־לאַנד, מיר קומען!
נאָר ווייט, אוי, ווי ווייט נאָך צו גיין
צום „והיה באחרית הימים״,
איבער וועגן פון שפּיציקן שטיין...

דאָך זענען מיר ווייט שוין פאַרגאַנגען
פון: „אַמאָל און אַמאָל איז געווען״,
און האָט נאָר ווער ליכטיגע אויגן,
דער קאָן שוין דאָס גליק־לאַנד דערזען...

מיר

מיר, מיר, מיר — דאָס לעבן זענען מיר!
אָ, מיר אַלע, זענען אָן אַ שיעור!
דער טויט — פאַרשפּילט, פאַרלירט,
ווייל מיר זענען אָן אַ שיעור...
ווי צייט און רוים, ווי וואָר און טרוים —
דאָס לעבן אייביק זענען מיר...

ווי רוישיק וואַסער שטראָמען מיר,
ווי פייגל אין די רוימען פליען מיר,
ווי די דערנער וואַקסן מיר,
ווי די בלומען בליען מיר, —
מיר צוזאַמען, אַלע מיר —
דאָס לעבן אייביק זענען מיר!...

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון תוהו־ובוהו, פון גאָט און באַשאַף,
דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה —
איך הער און איך גלויב און איך גאַף.

דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה
פון ליבע, פון זינד און פון שטראָף.
אַמאָל גאָר דערציילט מיר דאָס לעבן
אַ מעשה וואָס האָט ניט קיין סוף.

דאַן גיי איך אַרום אַ פאַרבענקטער,
עס מיידט מיך די רו און דער שלאָף —
באַשאַף איך אַליין צו דער מעשה
אַ גוטן, אַ גליקלעכן סוף...

ע ר ד

ערד, ביסט לעבנס זאַפט און קראַפט.
דו נעמס אַריין דעם טויט צו זיך אין שויס
און וואַרעמסט־אויס לעבן.
דו נערסט די רויז, די זאַנג, דעם בוים;
דו ביסט דאָס אייביקע געבורט
און אַלץ וואָס לעבט און איז,
זויגט פון דיינע פולע בריסט!

ערד,
מיר פליען אין די הויכן צו די הימלען,

נאָר שטענדיק קומען מיר צוריק.
מיר באַהעפטן זיך מיט דיר
דורך דעם באַריר פון אונדזערע טריט
אין טאָג־טעגלעכן גאַנג.
אין ריטם פון אונדזער ליד און טאַנץ,
כסדר זיך הערט:
מאַמע, מאַמע, מאַמע־ערד!

לאַנדסלייט

אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קלינגט משפּחהדיק, ווי קרובים, מחותנים.
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט צום עבר צו.
מען רופט זיך הימיש, יידיש, ביי דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אויף דו.

עס קומט אויף זינען באָבעס זיידענע פאַטשיילעס
און גוט און וואָרעם ווערט אַזוי דערפון,
ווען ס'טוט אַ פרעג ווער, וואו איז בלומע־באַשע־ביילעס?
אַט גייט שוין בענצי־בערישעס אַ זון.

מען רעדט צו דיר דורך אייגן לייב, דורך טאַטן און דורך מאַמען,
און יעדער, דאַכט זיך, קאָן זיך נאָך פון וויג.
מען טרינקט לחיים און מען זיפצט צוזאַמען
און טיילן טיילט מען זיך מיט אומגליק און מיט גליק.

מען לייענט אַ בריוו פון עמיצנס אַ שוועסטער עטל.
דער לייענער איז דער שטענדיקער — אַ בן הרב,

ווערט יעדן אַזוי נאָענט עטל פונעם ווייטן שטעטל
און יעדער קוקט מיט ליבשאַפט אויף איר כתב.

מען גאַפט, ווי קלוג זי שרייבט און יעדערער באַוואונדערט.
מען ווישט אַ טרער און אַלע פרייען זיך דערמיט.
טוט ווער אַ זאָג: זיי דאַרפן הילף! איך גיב די ערשטע הונדערט!
גייט יעדנס האַנט צום טאַש — און יעדער גיט.

מען נעמט אַ בילד צוזאַמען — אויגן פריידיקע וואָס שטראַלן,
פאַמיליען־געמיש פון פנימער און הענט;
מען גיט דאָס בילד אַריין אין לאַנדסמאַנשאַפט־זשורנאַלן,
מען זוכט אין בילד, מען פרייט זיך, אָט האָב איך זיך דערקענט.

לאַנדסלייט —
אַ וואָרט אַזאַ, וואָס קלינגט משפּחהדיק, ווי קרובים, מחותנים.
עס בינדט דעם טומלדיקן איצט צום עבר צו.
מען רופט זיך היימיש, יידיש, ביי דעם ערשטן נאָמען
און איינער מיטן צווייטן איז אויף דו.

דער גוטער

ער נעמט די לאַסט אַראָפּ פון יענעם,
ער מיינט, אַז ער קאָן גרינגער טראָגן...
ער באַגריסט דעם פרעמדן,
אים דאַכט זיך, אַז ער קען — אים.
ער העלפט און גיט,
ווי ער וואָלט די גאַנצע וועלט פאַרמאָגן —
און אויב ער האָט נישט, באָרגט ער
און צעטיילט, —
קומט זיך איינער פאַר אים קלאָגן,
פאַרמאָגט ער אַזאַ וואָרט וואָס היילט...

ער רעכנט נישט און חשבונט נישט אין פריינטשאַפט,
ער זוכט פאַר זיך קיין נוצן ניט —
ער איז אַ פריינט, אַ חבר אַ געטרייער.
די זאָרג, די אייגענע, פאַרשוויגט ער,
יענעם הערט ער אויס געדולדיק.
דאָס גאַנצע לעבן צאָלט ער באַר און צאָלט
און שעמט אַליין זיך מאָנען,
וואָס מ׳איז אים שולדיק...

מען נאַרט אים אָפּ, מען נוצט אים אויס;
מען טוט אים ווי און ער געטרויט ווייטער...

מען לאַכט פון אים, מען רופט אים נאַר —
דאַן שמייכלען זיינע אויגן
מיט חכמה און מיט צער,
ווי פון ליידן אויסגעפּרואווט, געלייטערט.
ער וויינט ניט ווען עס טוט אים וויי;
ער ווערט גערירט פון גוטע חברישע רייד
און ווען ער זעט, אַז דער גערעכטער זיגט,
צעוויינט ער זיך פון פרייד...

ד. אַ מענטש אַנטלויפט אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען

פּאָעמע אין 5 לידער

עס ווײנט דער מענטש — ער קאָן נישט אָטעמען

נאַכט אין וואַלד —
סודותדיק געמורמל אין די בלעטער.
שטערן קוקן ליכטיקע און גרויסע
דורך די צווייגן, ווי פאַרוואונדערט:
ווי קומט אין מיטן שווייגן פון דער נאַכט
אַ מענטש אַהער?
וואָס ציטערן די ליפּן זיינע ווייטיקדיק צעקרומט?
וואָס מורמלט ער? וואָס בעט ער? — —

אַ מענטש —
אַ שטיקל ווייטיק פון דער גרויסער שטאָט. —
ס'האָט ווער, אין ווילדן יאָגעניש נאָך געלט,
נאָך דעם וואָס דאָרטן רופט מען:
זיכערקייט און גליק,
אַ שטעל־אַרויף געטאָן אַ פוס,
אַ טראָט אַ שטיינערנעם
אויף זיין האַלדז און ברוסט —
איצט שטייט ער דאָ און הוסט — דער מענטש,
ער קאָן נישט אָטעמען...

דער מענטש! —
דער אַלץ־איבער־אַלץ,
דער זין און דאָס זאַלץ פון דער ערד — —
ער, וואָס קלערט און טראַכט:
ער האַלט די וועלט אין זיינע הענט.
ער, וואָס מיינט, ר'איז איבער אַלץ דער האַר,
אָט שטייט ער דאָ אין וואַלד, דער נאַר,
און קאָן ניט אָטעמען...

דער מענטש! —
ער איז פון שטאָט אַוועק,

אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען
און מיטגעבראַכט אין זיינע אויערן
אַ רעווען און אַ ליאַרעמען פון מעש...
פייער־שילדן פאַר די אויגן זיינע,
צינדן זיך און לעשן:
אין די שלייפן האַמערן שווערע קלעפּ,
פון שרייענדיקע נייעס־קעפּ
און ציפּערן און ציפּערן און ציפּערן
פּילן אָן דעם רוים, —
זיי פּליעסקען־צו און ליאַרעמען און שרייען
און שטעלן צונגען אים אַרויס
און דרייען זיך אַרום זיין גוף,
וואָס בויגט זיך אויס
און דרייט פון ווייטיק זיך צונויף אין דרייען.
ער ליגט און בעט אָן ווערטער שוין
און רופט צום וואַלד און רופט:
לופט — לופט — לופט —
ער, וואָס האָט געמיינט, אַז ער קאָן אַלץ,
ער וויינט —
ער קאָן ניט אָטעמען...

וואָס האָט מען פון דעם לעבן דאָרט געמאַכט?

דער אוראַלטער רויטער בוים,
די סאָסנע און דער דעמב
האָבן זיך ווי צוגעהערט
און געמורמלט שטיל און ווייך.
צניעותדיק און פרום
האָט אַקאַציע געשפּרייט אַ צאַרטן, זיסן ריח.
עס האָבן בלעטער צו די אויפגעוואַכטע גראָזן
שאָרכנדיק גערעדט.

און דורך די צווייגן האָט אַ ווינטעלע געבלאָזן
אויף דעם קראַנקן מענטשנס פּנים,
אים רחמנותדיק געגלעט
און באַרואיקט מיט געבעט:
איך האָב פון וואַלד און נאַכט
אַ היילונג דיר געבראַכט. —
אָטעם, אָטעם, מענטש...

האָט מענטש די אויגן אויפגעעפנט און פאַרמאַכט
און קוים אַ ציי־געטאָן דעם אָטעם...
ער איז געבליבן ליגן ווי פאַרטאַיעט.
אים דאַכט, אַז קילע צאַרטע פרויען־הענט
באַרירן אים דאָס פּנים;
ווישן פון זיין שטערן אָפּ די טראָפּנס שוויס, —
און שטערן גרויסע, גאָלדענע
קלינגען אויס אַ תּפילה און אַ טרייסט
און פּילן־אָן דעם רוים
מיט גאָלדיק־דינע שטויבן — —
ווען ניט דער שטיין — ווען ניט דער שטיין,
וואָס ליגט אים אויף דער ברוסט און דריקט,
ער פילט ווי ס׳וואָלט אַ האַנט
דעם שטיין פון האַרץ אים אויפגעהויבן
און אַראָפּגעלאָזט צוריק...

שעה׳ן האָבן זיך געצויגן,
עפּעס איז ער גאָר איינגאַנצן ווי געוואָרן גרינגער,
ווי ער וואָלט אויף וואָלקן שוועבן,
ווי ער וואָלט אין לופט זיך וויגן...
פידל־סטרונעס שפּינען־אויס און וועבן
אַרום אים אַ ניגון.
אַלטע, שטאַלטנעביימער
בויגן איינס צום אַנדערן די קעפּ

און זיפצן שטיל און פרעגן:
ווי, אוי־ווי, וואָס זיי צעטועץ דאָרטן מיטן מענטשן!
וואָס האָט מען פון דעם לעבן דאָרט געמאַכט?
קליינע, בויגיק־ווייכע ביימלעך און די גראָזן
שאָרכען שטיל און שושקען:
ששש — ששש — ער רוט, ער רוט, ער שלאָפט.
אַ גוטע נאַכט...

דער מענטש חלומט אין וואַלד

עס איז אין וואַלד געווען שוין טיפער טאָג,
די זון האָט אויסגעפלעקט מיט גאָלד און גלי
דאָס גרין פון וואַלד,
ווען ס׳האָט דער מענטש פון שטאָט
די אויגן אויפגעמאַכט.
די לופט איז פול
מיט איבער־רוף פון פויגל־מין צו פויגל־מין,
מיט קלאַנג־געזאַנג און פלאַטער־פלי;
מיט פלינקן־שפּרונג פון וועווערקע,
מיט מוראַשקע און ווערימל און שמעטערליג און בין,
מיט טשיר־טשיר־טשיר —
פון פויגעלעך ערשט־געבוירענע אין נעסט.

עס זיצט דער מענטש פון גרויסער שטאָט פאַרגאַפט,
ווי אַ מענטשעלע אין אַ מעשה־בוך,
וואו עס ווערט דערציילט פון אים
אַ מעשה מיט אַ נס...
עס האָט זיך אַלץ אין לאַנגן שלאָף אַזוי פאַרמישט...
ער דערמאָנט זיך עפּעס און פאַרגעסט,
דערמאָנט זיך און פאַרגעסט — —

און אַלץ, וואָס גייט פאַרביי זיין בליק
איז, דאַכט זיך, ערשט געוואָרן
און וואָס ס׳איז פריער געווען איז נישט...
ס׳איז מעשה־וועלט, —
אין האַרצן העלט אַ שטראַל אַזאַ,
אַ ניי־געבוירן ליכט.
ער הערט, ווי אַלץ אין וואַלד,
פון העכסטן בוים, ביז דעם ווערימל וואָס קריכט
דערציילט — דערציילט — דערציילט —
ווי מ׳האָט אין וואַלד אַ מענטשעלע געהיילט...

ער זיצט און הערט —
ביז אים באַפאַלט אַ מידקייט זיס,
אַ דרימל.
עס קומט פון ערגעץ ווייט, אַ טומל, אַ גערויש,
אַ טופּעניש פון פיס,
וואָס מישט זיך אויס מיט זינג־זאַנג פונעם וואַלד.
ווי דורך פייערדיקע נעבלען,
מענטשן־מענגעס שטראָמען איילנדיק.
אָט זעט ער זיך אַליין דאָרט גייענדיק צווישן זיי, —
אַ מידער טרעט ער,
קוים עס שלעפּן זיך די פיס.
אוי מענטשן, לויפט ניט, מענטשן!
רופט ער, בעט ער,
עס שטעכט אין האַרצן, — יעדער שטאָך — אַ שפּיז,
נאָר עס ווערט זיין קול צעטראָטן
אונטער טופּענדיקע פיס...
די מענגעס הערן ניט, זיי גייען,
שטויסן אים און וואַרפן אים —
ער פאַלט! —
ער עפנט אויף די אויגן אַ צעשראָקענער,
עס טונקלט שוין אין וואַלד...

דער מענטש באַטראַכט דעם וואַלד

עס גייען טעג און נעכט פאַרביי.
עס פילט דער מענטש פון שטאָט:
ער איז געזונט, ער אָטעמט פריי.
ער שטייט און קוקט און עפּעס נאָגט אין האַרץ,
ער ווייסט נישט וואָס.
ער זעט נאָר גראָז און בוים און בוים און גראָז
און הערט נאָר ווייך געריש און פויגל־קלאַנג
און קען אַליין גאָר נישט פאַרשטיין,
וואָס טוט עס אָט דאָס אַלץ,
וואָס שטייט אַ וואַלד און פּוסטעוועט אַזוי?...
אים דאַכט, ער זעט דעם וואַלד צום ערשטן מאָל, —
אָט באַלד, אָט באַלד
פאָרט ער צוריק אין יענער גרויסער שטאָט,
באַטראַכט ער איצט, אין לעצטן טאָג,
צום ערשטן מאָל, אַ ניכטערער דעם וואַלד.

ער גייט אַרום און רייסט דעם קאָפּ אַרויף
און מעסט מיט אויגן אויס דעם רוים.
ער דרייט זיך, דרייט מיט אויסגעשפּרייטע הענט
אַרום אַ בוים און מעסט — און מעסט —
און ציילט און רעכנט אויף פּאַפּיר:
אַזיפיל און אַזויפיל ברעטער פון אַ בוים...
ער בלייבט אַ רגע שטיין פאַרזאָרגט און טראַכט:
און איצט, וואָס טוט מען מיט אַזויפיל בלעטער?

ער טרעט מיט איילנדיקע טריט און ציילט איעדן שפּאַן.
ער ווייסט, דער וואַלד איז גרויס,
ער ווישט דעם שוויס און גייט און גייט —
ער פאַרטשעפּעט זיך און פאַלט,
ער הייבט זיך אויף און שפּאַנט און צייכנט מיט די הענט.

אַ שורה הייזער דאָ, אַ שורה הייזער דאָרט
און אין דערמיט, אַ הויך פיל־שטאָקיק הויז — — —
זאָל גאָט נאָר געבן כוח,
קאָן מען גאַסן שניידן דאָ און דאָרטן גיסן וועגן...
ער כאַפּט דעם אָטעם קוים:
וויפיל גאָלד עס ליגט אין וואַלד!
עס פאַרדרייט זיך אַזש דער קאָפּ פון אַזאַ פאַרמעגן!
ער אָטעמט אָפּ און טוט אַ זיפץ...

חידושן דער דעמב, דער אוראַלטער רויטער בוים,
אַקאַציע און סאָסנע;
די פייגל אין די צווייגן שווייגן שטיל, פאַרוואונדערט:
וואָס לויפט ער אום אַזוי דער מענטש?
וואָס זיפצט ער דאָרט, וואָס רעדט ער?
— — — — — — — — — — — — — — — —
גיי דערצייל די פייגל און דיביימער,
אַז דער מענטש צעטעכערט שוין דעם וואַלד אויף ברעטער...

דער מענטש פאַרגעסט זיך געזעגענען

די לעצטע נאַכט אין וואַלד,
די אויגן אָפן, ליגט דער מענטש אויף זיין געלעגער און ער וואַרט.
עס איז דער שלאָף פון אים אַנטלאָפן
און עס איז נאָך אַזוי ווייט ביזן ליכטיקן פרימאָרגן.
עס דרייען זיך אַרום זיין קאָפּ,
ווי וואָלקנס פינצטערע און שווערע,
זאָרגן פון דער ווייטער שטאָט — —
עס טוט אַן אומבאַוואוסטע שרעק
אַ פּיק אין האַרץ ביי אים, אין מוח;
ער הערט זיך איין צי שטיקט אים ניט אין ברוסט,
צי טוט ניט עפּעס וויי...
ווייל דאָרט אין שטאָט,
אין גערויש און אין געיעג

פון די גיהנומדיקע נעכט און טעג,
איז דאָך יעדערער פאַר זיך.

ער טוט אַ זאָג: עס טאָגט!
און שפרינגט אַראָפּ פון זיין געלעגער.
ער כאַפּט אויף גיך אַרויף אויף זיך די קליידער
און לאַנג נאָך פּאָרען זיך נערוועז די פינגער
מיט די בענדלעך פון די שיך...
ער טוט אַ כאַפּ דעם טשעמאָדאַן אין האַנט
און שפּאַנט, אָן אַ זיי־געזונט צו דער באַן — — —

עס איז דער וואַלד פאַרנומען
מיטן קומען פונעם טאָג,
מיטן ציען זאַפטן פרישע פון דער ערד...
די פייגל האָבן זייערס אויך צו טאָן,
אַז עס הויבט זיך אָן דער טאָג —
אַ נייע זון באַגעגענען,
זוכן עסן, בויען נעסטן פאַרן קומענדיקן דור...
האָט קיינער נישט באַמערקט גאָר,
אַז ס'האָט דער מענטש פאַרגעסן זיך געזעגענען...
נאָר אַ פויגל דאָ, אַ פויגל דאָרט,
האָבן זיך געחידושט:
וואָס אַנטלויפט ער עס, דער מענטש?
פאַרוואָס קוקט ער זיך ניט אום?
האָבן אָט־די פייגל אים באַגלייט.
איינער האָט אים נאָכגערופן:
מענטש, אָ מענטש, אָ מענטש,
אָ, גיי געזונטערהייט!
ס'האָט אַ צווייטער פויגל אים געוואונטשן גליק
אין זיין איילנדיקן גאַנג...
און אַ דריטער פויגל האָט געלאַכט:
קום צוריק, קום צוריק, קום צוריק,
ווען וועסט ווערן קראַנק...

1939—1919

פון בוך: „דאָ איז מיין היים"

א. „פראָסטע לידער"

ב. פאַרשידענע לידער

א. „פּראָסטע לידער"

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד

ס'אַ טאָג, אַ טאָג!
אוי, האַמער ניט אַזוי, מיין קינד, ניט קלאַפּ,
עס ציט זיך לאַנג געגוג דער אַרבעטס־טאָג אין שאַפּ —
דער טאָג פון אַרבעטלאָזן ציט זיך לענגער נאָך —

און דו, ווי טומלדיק דו ביסט!
דו האָסט נאָך היינט קיין רגע ניט גערוט,
איך בעט דיך, קינד, זיי גוט,
זיי גוט — און טומל ניט אַזוי.

באַלד קומט אַהיים פון שאַפּ די מאַמע,
ס'איז הייס אַזוי — זי אַרבעט שווער — איך ווייס.
דערפאַר ווי גרויס וועט זיין איר פרייד,
ווען זי וועט זען, ווי ריין ס'איז אויפגעראַמט
און אויפן טיש איז סאַפּער גרייט —

זי האָט זיך עפּעס היינט פאַרזאַמט,
געוויס אַ מיטינג אומגעריכטערהייט.
שאַ, לאָמיר גאָר צום פענסטער גיין
און זען צי די מאַמע גייט...

דער אַרבעטלאָזער רעדט צום קינד
וועגן זון-פאַרגאַנג

ווי, ווי, ווי ס׳האָט דער הימל זיך צעברענט!
עס בלענדט די אויגן.
פינקלדיקע פאַסמעס זון,
פאַרבן צאַרטע, ווייכע,
הויפנס בליטן, בערג מיט בלומען...
וואָלט דער באָס אַהער דערגרייכן,
וואָלט ער אַלץ פאַר זיך גענומען
און געמאַכט פון דעם פּראָפיטן...

אַזוי פיל פרייד פאַר מענטשנס אויגן,
עס וועקט די בענקשאַפט אויף אין האַרצן
ווייסט אַליין ניט וואָס זאָלסט גאַרן.
וויפיל גאָלד און וויפיל זילבער!
כאָטש מיט לאָפּעטעס צו שאַרן.
נישט צום מעסטן, נישט צום ציילן,
ס׳וואָלט געווען גענוג זיין יעדן איינעם
איינצוטיילן... — — —

פאַרבן רוישן,
קאָלירן קומען און פאַרגייען,
ווי זיי טוישן זיך און מיניען,
אַזש עס נעמט דער קאָפּ זיך דרייען.
אָט איז זייד, און דאָרטן ווייט איז סאַמעט —

פאַר יעדן הויז אַ פּאָר גאַרדינען...
ווי שיין עס וואָלט געפּאַסט דער מאַמען
אַ קלייד פון יענעם זייד דעם גרינעם. —
זי נייט און נייט און נייט
און קען זיך ניט
קיין לייטיש קלייד פאַרגינען.

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד ווען דער זון און ווען ביליקן רענט

די זון פאַרגייט — —
דו זעסט, ווי שיין דער הימל ברענט!
מיר האָבן גוט געטאָן,
וואָס מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַזוי הויך.
ניטאָ קיין ווענט,
וואָס זאָלן אונדז דאָס ליכט פאַרשטעלן.
ס'איז גוט צו זען פאַר זיך דעם טאָג,
דעם ליכטיקן, דעם העלן.
דערצו קאָסט ביליקער דער רענט — —

די מאַמע זאָגט זי בלייבט אָן כוחות
ביז זי קלעטערט דאָ אַרויף די שטיגן.
איך ווייס ווי שווער עס איז — איך ווייס,
נאָר וואָס־זשע קען מען טאָן?
ס'איז ערגער נאָך צו ליגן
אין אַ קעלער־וואו מיט נאַסע ווענט.
דו הערסט, מיין קינד? דו זאָלסט ניט לאָזן,
אַז די מאַמע זאָל דיך טראָגן אויף די הענט —
אַרויף די שטיגן.

די פרוי פון אַרבעטלאָזן באַקאַנט זיך מיט דעם שרייבער

מיר האָבן היינט געהאַט אַ גאַסט,
אַ שאָד וואָס דו ביסט ניט געווען.
דער שרייבער — אונדזער שכן
איז אַרויפגעקומען זען
ווי מיר לעבן דאָ.

אַ צוגעלאָזטער זייער,
ער ווערטלט זיך און שפּאַסט
דערפילסט זיך היימיש באַלד מיט אים.
ער האָט פאַר עמוס׳לען אַ לידעלע פאַרפאַסט
און זיך מיט אים געשפּילט.

דיך האָט ער געלויבט
און מיך האָט ער פאַרזיכערט:
אַז בעסער ווי ער פילט זיך דאָ ביי אונדז
האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געפילט.

מיר האָבן זיך צערעדט פון עמוס׳לען.
האָט ער געזאָגט: ער גלויבט,
מען דאַרף קיין קינד ניט לערנען,
וואָס גרויסע דאַרפן וויסן;
ווייל ס׳רויבט ביים קינד אַוועק
נאַאיווע שפּילעוודיקע פרייד.

האָב איך געבעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין
מיינע חוצפּהדיקע רייד

און כ׳האָב געפרעגט:
ווייסט איר, וואָס גרויסע דאַרפן וויסן? —
האָט ער פאַרטראַכט די נעגל זיך געביסן
און שמייכלענדיק געענטפערט: „ניין״ —
נו, אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט:
זאָלן עס די קליינע קינדער וויסן...

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין פרוי וועגן דעם שכן דעם שרייבער

כ׳האָב היינט גערעדט צום שכן אונדזערן — דעם שרייבער,
וועמענס בוך מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק געלייענט.
איך האָב געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך;

דו האָסט געמיינט, ער האַלט זיך גרויס,
און זייטיקט זיך פון אַלע שכנים דאָ אין הויז.
ביסט ניט געווען גערעכט צו אים;
ער האָט מיט מיר גערעדט פון אַלעס אין דער וועלט,
נאָר ווען דו וואָלסט געהערט
די פראַגן וואָס ער האָט געשטעלט,
וואָלסטו געלאַכט, —
אַז עפּעס אַלעס הויבט זיך אָן ביי אים
פון דאַך, אָדער גאָר פון הימלס הויך,
פון ערגעץ־וואו, מיליאָנען יאָרן ווייט.
ער רעדט אפילו שיין, — מיט גלאַנץ און בליץ;
נאָר אַלץ אַזוי אַבסטראַקט — און נעבלדיק,
ווי איינגעהילט אין רויך.

איך זאָג: אַנטשולדיקט וואָס איך וואַג,
נאָר מיר קומט אויס, אַז ס׳האָט קיין זינען ניט
צו זוכן גליקן ערגעץ אין די הויכע וייטן

און לאָזן אַז די וועלף — די פּראָפיטירער
זאָלן דאָ אויף דר'ערד דעם איצט פאַרצוקן...
און וואָס עס טוט זיך דאָרט,
אויף יענער־זייט פון לעבן,
זאָלן גיין די רייכע אויסגעפינען...
זיי האָבן צייט און געלט, און אַלץ איז זיי דאָ קאַרג...
אפשר וועלן זיי אַנטוויקלען דאָרט
אַ נייעם מאַרק — — איר לאַכט — —

איך ווייס, אַז אַלץ איז גוט און שיין
פון וואָס איר טראַכט און טרוימט.
נאָר ווען וואָלט דאָס געווען געערדט,
ווען יעדער קריגט דאָ וואָס ער דאַרף,
אפילו נאָר דאָס נויטיקסטע צום לעבן —
אַ שטיקל ברויט צו זעט, אַ קלייד, —
און איך בין גרייט
צו גיין מיט אייך אין אַ געוועט,
אַז איר אַליין —
האָט אויך נאָך ניט דעם חודש רענט...

דו הערסט?
ווי אַ קינד האָט ער צעפירט מיט זיינע הענט,
געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין
און זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד,
עפּעס אויפצוהייבן,
כ'זאָל ניט זען די טרערן אין זיינע אויגן...

ב. פאַרשידענע לידער

גליק אויף דער פערצנטער גאַס

שטייט דער מאַן אינעם טערקישן טורבאַן
און האַלט די הענט
איבערן שאַר פון פיל־קאָלירנדיק קרישטאָל,
ווי דער כהן ביי דעם דוכענען אין שול —
און זוכט „אַרויסצוכישופן" פון דאָרט,
מיט זיינע קלוגע, אומעטיקע אויגן,
פאַר אַן אַלטער פרוי, אַן אָרימער,
אַביסל האָפענונג אויף גליק...

ער טוט אַ פיר די אויגן זיינע, פונעם שאַר,
אויף איר געעלטערט פנים,
אויף אירע אויגן פול מיט זאָרג און צער,
אויף איר אָרעם קלייד;
ער כאַפּט אַ קוק אין טעלערל,
ווי ווינציק „דיימס" עס איז נאָך דאָרט פאַראַן;
ער טוט אַ זיפץ און זאָגט אַזוי:
איר האָט וויִנציק פרייד געהאַט אין לעבן,
ליבע פרוי — — —
איר גייט פון קליינערהייט אַזוי אין שפּאַן
און לעבט אַ לעבן באַר פון נויט און זאָרג —
נויט און זאָרג —
די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ און טוט אַ זיפץ:
איר האָט געטראָפן, קלוגער מאַן — —

טוט ער שנעל אַ ריר מיט פינגער צוויי
דאָס שטיקל גלאָז אויף זיין טורבאַן,
ער טוט דעם קאָפּ צו דעם קרישטאָל אַ בויג
און זאָגט:

— עס איז פאַר איך נאָך האָפענונג פאַראַן — —
איך זע דאָ — — געלט — —
איך זע... אַז עמיצער וועט ווערן רייך...
עס גייט צו אייך — אַ בריוו פון ווייט — —
עס וואַרט אויף אייך — נאָך פרייד — —
און גליק אַ סך...

עס טוט די פרוי פאַרשעמט אַ לאַך
און ווישט זיך אויס פון אויג אַ טרער...
עס טוט ביי איר אין בליק אַ בליץ,
אַ רגע האָפענונג אויף גליק. —
זי גייט מיט מידן גאַנג אַוועק
און מורמלט שטיל:
„אַ בריוו פון ווייט — — פון וועמען קען עס זיין?
עס וואַרט אויף אייך נאָך פרייד
און גליק אַ סך — —
שוין צייט... אוי, גאָטעניו, שוין צייט...‟

זיי ווייסן נישט דעם זין פון לעבן

זיי ווייסן אַלע חכמות
און אַלע שפּראַכן קענען זיי.
זיי מעסטן אויס די ווייטסטע ווייטן,
און די פאַרבן פון דעם רעגנבויגן
טיילן זיי פאַנאַנדער...
זיי מאַכן־נאָך דאָס בלאַט פון בוים,
דאָס העלע ליכט, דעם מאַטן שיין,
און פליען אום, ווי פייגל אין דעם רוים —
נאָר דער זין פון זייער לעבן
בלייבט פון זיי פאַרהוילן —
אין דער זין —
פון זייער קומען און פאַרגיין...

זייער וועג איז קורץ און זיכער,

און אַלץ וואָס ווערט פון זייער האַנט געבויט,
איז שטאָל און אײַזן.
און איך —
צי ווייס איך מער דען ווי דעם סוד,
וואָס כ׳האָב באַנומען,
אין דער שעה פון מיין געבוירן ווערן:
— אַז דאָס אויפגיין און פאַרגיין
אַז דאָס בויען און צעשטערן —
איז דער וועג וואָס פירט צום ווערן?

זייער טאָג איז שווערער יאָך,
זייער וואָך איז לאַנג און גרוי
און דאָס גאַנצע לעבן זייערס
איז אַן אויגנבליק.
זייער גליק און זייער יום־טוב
איז געגליכן צו דעם שיין
פון פאַררויכערטן לאַמטערן —
און איך —
איך וואָלט קיין רגע
ניט געקענט דאָ זיין מיט זיי,
ווען כ׳וואָלט ניט לייענען,
אין דעם גראָז און אין די שטערן,
דעם זין פון יעדנס זיין
און אויך פון מיין געבוירן ווערן.

דער וואַנדערער גייט־נאָך דעם עכאָ

דער זומערדיקער טאָג
האָט זיך פאַוואָליע
שעה נאָך שעה געצויגן
נאָך דעם פויערס טריט.

דאָס פערד אין שפּאַן,
דער אָקס אין יאָך

און אויף דער פּאַשע —
שאָף און רינד.

אַרום דעם פּויערס הויז,
אַן עוף, אַ קאַץ, אַ הונט
און אויף דער שוועל פון הויז,
אין ציצן קלייד,
די מאַמע שטייט
און רופט איר קינד פון פעלד:
Ki—t—t—y—y!

גאָטס וועלט איז גרויס
און פעלדער זענען ברייט און פריי,
און ווי עס פליט דער פויגל אין דער לופט —
דעם מענטשנס בליק פאַרביי
און רעגט די בענקשאַפט אָן
און רופט:
— פלי מיר נאָך. —
אַזוי ציט אויך
דער מאַמעס רוף
דורך פעלד און וואַלד
און גרייכט דעם וואַנדערער
אין זיין מידן גאַנג
און עכאָט אָפּ
אין אומרו פון זיין האַרץ:
Ki—t—t—y—y!

עס האָט דער טאָג פאַרשנעלערט שוין
זיין גאַנג אַהיים
און פון דער פּאַשע
טרייבט דעם פּויערס קינד
די שאָף און רינד אַהיים.

אָקס און פערד אין שפּאַן

דרייען אויך שוין לאַנג די קעפּ צום שטאַל,
שוין צייט אויך פאַר דעם וואַנדערער
אָפּצואוועגדן זיינע טריט
פון שטויב פון וועג
און זוכן רו ביי גוטע לייט. — —

איז ווי עס ציט דעם מענטשנס בליק
נאָך שוואַלבן פליענדיק אין לופט,
אַזוי ציט נאָך דער וואַנדערער
נאָך דעם עכאָ פון דעם רוף:
Ki—t—t—y—y!

אַזוי

עס האָט אַזוי צו מיר געזאָגט מיין גוטער טאַטע:
גיי און שפּיל זיך,
און וואָס איך גיב דיר מיט,
זאָלסטו צעטיילן צו די קינדער
און אויב עס וועט דיר פעלן נאָך,
וועל איך דיר געבן,
ווייל קיינער קאָן נישט איבערציילן
מיינע אוצרות,
און אַלע אוצרות זענען דיינע,
גיי און שפּיל זיך — —

עס האָט אַזוי צו מיר געזאָגט מיין גוטער טאַטע:
גיי און שפּיל זיך,
און וויל אַ קינד דיין אייגן שפּילצייג,
גיב אים — דו ביסט גרעסער,
און וועט אַ קינד דיר שלעכטס טאָן,
זיי דו בעסער און פאַרגיב אים,
ווייל דאָס אויג מיינס וואַכט און היט
דיינע טריט אויף דער ערד,
גיי און שפּיל זיך.

ס׳איז די וועלט די ליכטיקע מיר זייער געפעלן...

כ׳האָב ביי קיינעם ניט געפרעגט, צי כ׳זאָל געבוירן ווערן.
קיינער האָט מיך ניט פון יענער וועלט אַרויסגעטריבן.
כ׳האָב זיך וואוילע טאַטע־מאַמע אויסגעקליבן,
און דאָ געבליבן.

כ׳האָב ביי קיינעם ניט געפרעגט, צי כ׳זאָל געבוירן ווערן.
אומגיין וועל איך אויף דער ערד דאָ, וויפיל איך וועל וועלן.
ס׳איז די וועלט, די ליכטיקע, מיר זייער געפעלן —
זייער געפעלן.

קומט דער האַר, דער שונא און ער מאַכט דאָ אַלעס קאַליע —
דאַרף מען העלפן דאָ, די מענטשן־קינדער, אים פאַרטרייבן;
דעמאָלט, וועל איך אפשר דאָ אויף שטענדיק בלייבן —
יאָ, כ׳וועל בלייבן...

1919—1913

פון מיין ערשטן בוך: „אויף גאָטס וועלט"

א. טענים (פּאָעמע)

ב. פון דער פּאָעמע „דערווייסער יום־טוב"

ג. פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון מיין איך"

ד. „איך בין מיד דיין קינד צו זיין"

א. טעניס (פּאָעמע)

טעניס

א

ליגט אין שאָטן נאָך דער ליכטיק־ברוינער טעניס־פעלד.
אונטער מיינע טריט די לייכטע פיל איך נאָך דעם הויך פון נאַכט.
מיט מיין קומען האָט דער סאַמעט־ווייכער טעניס־פעלד דערוואַכט.

צי איך אויף די גלאַטע אייזן־שטאַנגען אָן דעם נעץ,
טריפט אויף מיינע פינגער פון די שטאַנגען פרישער, קילער טוי.
אויסגעשפרייט דער נעץ איז, שפרינג איך אים אַריבער גלאַט אַזוי.

קומט אַ צווייטער שפּילער, באַל און שליידערער אין האַנט.
וואַרפט פון ווייט: „גוט־מאָרגן", וויג איך מיט דער האַנט צוריק:
„גוט־יאָר".
אויסגערוט און פריש די הענט נאָך זענען און דער בליק איז קלאָר.

שטייען מיר צום שפּילן גרייט פוןביידע זייטן נעץ —
איינער אין דער לופטן אויסגעצויגן און דער צווייטער אויסגעבויגן היט,
טוט אַ וויג זיך האַנט און קערפּער און דער באַל אין לופטן פליט.

ב

אַלע געצן אָנגעצויגן,
ווייס געפּאַסט דער געלער זאַמד;
שטייף אין שליידערער די סטרונעס,
ווי די אָדערן אין האַנט.

ווייסע קליידער פאַר די אויגן,
שלאַנקע, בלויזע פרויען־הענט;
יונגע מענער שטאַרק און בויגיק
און די פּנימער פאַרברענט.

הענט און שליידערער ווי פליגל,
יעדער קערפּער ווי אַ שלאַנג. —
טרייבט מען אום די באַלס אין לופטן
מיט אַ שנעלן, ווייכן קלאַנג.

ג

וויגן זיך די שליידערער,
פליען באַלס אום הין־און־הער.
קלינגט אין לופטן, דוכט זיך גאַר,
אַז עס שפּילן טויזנט האַרפן.
אויף מאַטראַסקעס זויבער־קלאָר,
ווייכע פרויען־האָר צעוואָרפן.

הייס די לופט און פול מיט קלאַנג
און דאָס שפּיל אין פולן גאַנג.
האַנט און קערפּער לייכט און פלינק,
ברייט און ווייט די אויגן אָפן —
טוט דער שליידערער אַ זינג
און דעם באַל אין ציל געטראָפן.

ד

קומט אַ פרעמדער באַל צו פליען —
וויל זיך אויסבאַהאַלטן לעבן מיינע פיס,
יאָגט נאָך אים זיך אין דער לופטן
נאָך אַ קלינגענדיקע פרויען־שטימע: ב—אַ—ל — — פּ—ל—י—ז!

שטייט זי דאָרטן אומגעדולדיק,
וויגט די הענט צו מיר אין קינדישן קאַפּריז,
און דער גאַנצער קערפּער אירער
בעט זיך: שנעלער! שנעלער! שנעלער — ב—אַ—ל — —
פּ—ל—י—ז!

ה

אָפּגעשפּילט שוין, אַ פאַרשוויצטער און אַ מידער
שמייכל איך צו זיך אַליין ניט ווּיסנדיק פאַרוואָס.
דורשט און גלוסט אין יעדן גליד, פאַל איך אַנידער
אין אַ שאָטן פון אַ בוים, אויף קילן, ווייכן גראָז.

מיט דעם צייכן־וועגל גייט פאַרביי דער וועכטער,
טרעט זיך אַזוי לאַנגזאַם מיט די גרויסע, שווערע שיך.
הינטער מיר־וואו הערט זיך מיידלשער געלעכטער;
און די אויגן מיינע לאַנגזאַם, לאַנגזאַם שליסן זיך.

ו

איך ליג און רו מיט יעדן גליד, די אויגן האַלב פאַרמאַכט.
איך הער ווי קינדער שפּילן זיך, מען רעדט און עמעץ לאַכט
און פאַר די אויגן — קליידער ווייס און קערפּער בויגיק יונג
און יעדער האַנט־באַוועג און קערפּער־קער פול קראַפט און שוואונג.

אויפן וועג אַ וואָגן פאָרט זיך לאַנגזאַם, אַן אויטאָמאָביל;
עס שטייט אַ ייד פאַרטראַכט און קוקט זיך צו צום טעניס־שפּיל,

עס פליט אַ באַל אַרויס, הויבט אומגעשיקט דער ייד אים אויף
און לייגט פאַרשעמט אים אויף אַ מיידלס שליידערער אַרויף,
דאָס מיידל לאַכט און דאַנקט און עפּעס ווי אַ שולדיק קינד
פאַרשעמט און שמייכלענדיק גייט ער אַוועק, אַוועק געשווינד.

ז

עס האָט די זון אין מיטן הימל זיך פאַרגעסן
און געהיט דעם טעניס־שפּיל פאַר שעהן לאַנג
און מיט אַמאָל האָט איר דאָס גאַנצע שפּיל דערעסן,
לאָזט זי זיך אַראָפּ, אַראָפּ אין שנעלן גאַנג.

אַ ווינטל קומט פון ערגעץ שטיל, אַ הויך, אַ קילער,
טוט אַ גלעט אַ הייסע האַנט, אַ זוים פון קלייד
און קושנדיק די הענט פון אַלע טעניס־שפּילער
שפּרייט זיך אויפן ווייכן זאַמד אויס שטילערהייט.

ח

טויזנט־פאַרביק גליט די אוונט־בענקשאַפט רונד אַרום דעם הימלס ראַנד
און די שטאָט פון ווייטנס, ווי זי וואָלט זיך אין אַ פאַרביק שלייער הילן.
דאָ און דאָרטן זעט מען נאָך אַ פייערדיקן שטראַל זיך שפּילן
אויף אַ מיידלס פּנים, אויף אַ בחורס האַנט.

שפּילער, שפּעט־געקומענע דערשפּילן אַזוי פיבערהאַפט און גיך.
איבערן טעניס־פעלד צעוואָרפן שטיפן אום און לאַכן מידע פאָרן.
עמעץ זוכט אַזוי אַרום אַ באַל אין שאָטנדיקן גראָז פאַרלאָרן,
און אַרום אַ בוים וואו, שפּילן קינדער זיך.

לער די שטאַנגען, טונקל־ווייכער ליבעס־אומעט שפּרייט זיך אין דער לופט.
פאַרלעך גייען אום און זוכן בענק, וואו אונטערביימער זיך צו זעצן;
ווייט, ווייט האָט די שטאָט אַרויסגעוואָרפן אירע פייערדיקע בעצן,
זינגט איר רוישיק ליד און רופט צו זיך און רופט.

ב. פון דער פּאָעמע „דער ווייסער יום־טוב"

* * *

איך האָב געטרוימט פון ווייסן יום־טוב.
איך האָב געפילט פון שלאָף, ווי ווייסע שלייערס
פאַלן, פאַלן אין דעם בלויען רוים.
עמעץ האָט מיט בלייכע פינגער אויף די שויבן ווייך געגלעט.
ווי אַ ליבעס־פּאָר, וואָס בעט זיך נאָך אַ לאַנגן רוגז איבער,
האָט מען ביי די פענסטער באַנג און סודותדיק גערעדט.
סודותדיק און באַנג
האָט זיך אין האַרץ ביי מיר געוועבט אַ ווייסער טרוים —
דער טרוים פון ווייסן יום־טוב.

פרימאָרגן

איך שטיי אויפן דרויסן־טרעפּ פון טיר
און כ'זע אַ טרוים מיט אויגן וואַך:
אַ נאַקעטע, אַ ווייסע ליגט די ערד —
אַ כלה אין דעם חופּה־טאָג פאַרקלערט.
דער שלייער, דאָס ווייסע חופּה־קלייד
צעוואָרפן ליגט אויף בוים און דאַך —
ס'איז חופּה־טאָג.
עס האָבן ערד און הימל — חתן־כלה — זיך גערוגזט לאַנג
און איינס דאָס אַנדערע געקוועלט.
עס ווערט אַ חופּה היינט געשטעלט
און דער מחותן — גאָט, האָט צוגעגרייט אַלס חתונה־געשאַנק,
אַ נייע זון.
עס בליקט די זון מיט ווייס און יונג געלעכטער אויף דער וועלט,
דער רוים צו ענג פאַר איר,
צעדרינגט איר שיין אין יעדן פענסטער־שפּאַלט אַריין
און וועקט די וועלט פון שלאָף,
און קושט די צוגעמאַכטע ברעם אין טרוים.

* * *

עס שטייט אַ מיידל קעגנאיבער,
שטייט פאַרגאַפט אַזוי
און איך און זי — מיר ביידע
וואַגן ניט דעם ערשטן טראָט צו מאַכן;
מיר טוען ביידע גלייך דעם זעלבן טראָט,
ביידע זיך צעלאַכן
און ביידע שטעלן ווייך־פאַרליבטע טריט אין קלאָרן שניי.

* * *

עס פראַלט אַ טיר זיך אויף,
עס לויפט אַ קינד אַרויס און בלייבט פאַרוואונדערט שטיין,
באַטראַכט אַלץ, ווי אַ חיהלע אַ קליינס
מיט אויגעלעך ווייט אָפן,

און טוט אַ שפּרונג, אַ טאַנץ און לויפט, און לויפט,
אַ גליק האָט אים געטראָפן —
אַ יום־טוב אומגעריכטערהייט, אַ וואונדער איז געשען.
און איך און זי,
מיר גייען ביידע שטיל פון ביידע זייטן גאַס,
ווי קינדער, וואָס שפּילן זיך אין רוגז,
נאָר די בליקן קושן זיך און גלעטן
און נאָך אַ ווײַלע וועלן מיר זיך גאָר אינגאַנצן איבערבעטן
און גיין ביינאַנד
מיט ווײַך־פאַרליבטע טריט אין קלאָרן שניי.

* * *

אינמיטן גאַס אויף אומבאַרירטן שניי
לויפט אַ ווייסער הונט,
לויפט אַ לײַכטער און אַ פריילעכער אַזוי,
ווי עס וואָלט אַ באָרוועסער גימנאַסט
מיט לײַכטע טריט געלאָפן.
אײַל איך נאָך דעם שנור פון טריט,
ווילט זיך מיר אַזוי דעם ווייסן הונט דעריאָגן —
אויף זײַן ווייכן פעל דעם קאָפּ אַנידערלייגן,
ערגעץ אין דער וועלט אַריין, גוט־יום־טוב זאָגן.

* * *

טירן פראַלן.
עס האָט די וועלט פון שלאָף דערוואַכט
און יעדער ווייסט שוין פון דעם ווייסן יום־טוב.
אין די שענסטע יום־טוב קליידער
קומען אַלע,
יעדער עפּעס מיט אַ שעמעוודיק געזיכט;
ביט געוואוינט נאָך צו דעם נייעם, ווייסן ליכט,
זשמורעט מען די אויגן און מען שמייכלט מאָדנע.

* * *

יאָגט מען זיך אַרום אין שניי
מיט אַ ווילדן פרייד־געשריי,
יונג און אַלט צוזאַמען.
יאָגט אַ קינד זיך נאָך דער מאַמען
און דער טאַטע לויפט נאָך זיי —
קומט אַ מיידל אומגעריכט,
גלעט דעם טאַטנס הייס געזיכט
מיט אַ הויפן קאַלטן שניי.
אירע פינגער ברענען, ברענען
און די אויגן שכור זענען
פון דעם ווייסן ליכט.

* * *

ערד און הימל — חתן־כלה,
מחותנים זענען אַלע,
ווער נאָר עס באַגערט
און די זון, די זון איז שכור,
נאָך אַ ווײַלע וועט זי שטיקער
פון זיך פליקן
און זיי וואַרפן צו דער ערד.

* * *

ווייס דער וועג, אין גאָלד געשניטן,
פליט אַ שליטן נאָך אַ שליטן.
אין דער לופט די בייטשן קנאַלן;
בייטשן־קנאַל און יונג געלעכטער
אין אַ ים פון ליכט און גאָלד
און בריליאַנטן פאַלן, פאַלן
אויף די קעפּ פון יונג און אַלט.

* * *

עס איז געשען! עס איז געשען!
אַ בלינדע וועלט האָט ליכט דערזען

און גייט פאַר גליק אַראָפּ פון זינען.
עס ווייסט דער מענטש ניט וואָס צו טאָן פאַר פרייד —
ער האָט אַ נייע זון געזוכט
און ענדלעך זי געפונען.
עס טאַנצט די וועלט איר יום־טוב טאַנץ
און אַלע פלעכטן זיך אין קראַנץ
פון ווייסער פרייד אַרומגענומען.
און פריי פון יאָך!
אויף אייביק פריי פון גרויער וואָך —
דער ווייסער יום־טוב איז געקומען!

זונפאַרגאַנג

אַ צעפלאַמטע און אַ מידע
האָט די זון גענומען פאַלן צו דעם מערב־ראַנד פון הימל.
מיט אַ ראַזן שמייכל איז זי מיד געבליבן ליגן
אין אַ טייך פון בלוטיק־רויטע שטראַלן.

שטייט אַ מלאך איר צוקאָפּנס
און אַ קראַנץ פון רויזן פלעכט ער.
באַנגע גלאָקן־קלאַנגען נעמען זיך אין לופטן וויגן,
פילט די זון זיך הילפלאָז,
לאַכט זי מיט אַ בלוטיקן געלעכטער.

* * *

ראַנגלט זיך די זון אין טויט־עקשנות,
וויל זיך ניט צעשיידן מיט דעם ווייסן יום־טוב
און די פרייד אין מיטן לאָזן.

גרויס די פרייד געווען,
דאָך גרעסער זענען איצטער אירע ליידן;
טויזנט־פאַרביק צערטלט זיך צום הימל־ברעג

איר שטומער ווייען־קרעכץ
און לאָזט זיך ציטערדיק אַרונטער אין אַ ראָזן, באַנגן אומעט.
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם לעשן זיך די שטראַלן און פאַרגייען.

* * *

עס האָט דאָס גאָלד זיך וואו צעפלאָסן
און דאָס זילבער מאַטער ווערט.
עס האָט אַ מידקייט זיך צעגאָסן
אויף דער ווייסער, מאַטער ערד.

ערגעץ אויף אַ שויב אַ בלאַנקער,
שפּילט זיך נאָך אַ שטראַל פון גאָלד
און ער שמייכלט ווי אַ קראַנקער
וואָס וועט זיכער שטאַרבן באַלד.

מידע ציען מענטשן־פאָרן,
שטיל באַגלייט פון אָוונט־ליד;
פערד און שליטן לאַנגזאַם פאָרן
און די גלעקער קלינגען מיד.

* * *

בלויע שלייערס, ווייסער זייד,
פאַלן ווייך אין ווייטן ווייט,
מישט זיך זילבער אויס מיט בלוי.
ווייכער אומעט טונקל גרוי
לייגט זיך אומעטיק אַוועק
אויף אַ זילבער־ווייסן דעק.

מערב־זייט פון הימלס ראַנד,
אין אַ ריזן ווייסער האַנט
פון אַ שאָטנדיק געשטאַלט,
אויף אַ טאַץ פון מאַטן גאָלד,
גליט אַ פייערדיקע רויז —
גליט און גליט און לעשט ניט אויס.

ג. פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון מיין איך"

* * *

מיך בין איך פון דורות־לאַנגן שלאָף
און פון דורות־לאַנגער רו בין איך נאָך מיד.
איצט גיי איך אום מיט קלינגענדיקע טריט
אין דער טומלדיקער וועלט.

ערשט האָב איך געשטעלט מיין טראָט
אויף דער שטיינערנער ערד
און שוין האָב איך אין לופט געהערט
דעם פליגל־פלאַטער פון מיין ווייסער טויב.

* * *

שטאָט:
האַמער איין מיין לעבן
אין דיין שטאָל און אייזן.
רייס אַרויס מיט דיינע שטיינערנע הענט
די רו פון מיין האַרצן
און גיס אַריין דיין פייערדיקן בראַנד
צו מיר אין בלוט.

שטאָט:
פאַרמויער מיך אין דיינע מויערן,
שמיד מיך איין אין אייזן און אין שטאָל;
פאַרפלאָנטער מיך אין דיינע כישופדיקע קלאַנגען
און האַלט מיך געפאַנגען
אין דיינע פייערדיקע נעצן.

* * *

איך האָב פאַרפלאָנטערט מיינע טריט
אין שטאָטיקן גערויש
און אונטער די שטאָלענע רעדער
פון לויפנדיקע באַנען

האָב איך מיין רו צעוואָרפן.
עס האַמערט־אויס די שטאָט
איר ליד פון שטאָל און שטיין
און צו דעם טאַקט פון שטאָל און אייזן קלאַנג
טאַנצן מיינע טריט.

* * *

און וועט מיין ווייסע טויב זיך דאָ באַווייזן,
וועל איך זיך אויסבאַהאַלטן
אין דעם שטאָטיקן גערויש.
און ווען איך וועל דעם רוף דערהערן,
דעם רוף אַהיים,
וועל איך ניט גיין.
איך וועל זיך מיט די ציין און נעגל קלאַמערן
אין שטאָל און שטיין
און וועל ניט גיין —
און אפשר — — וועל איך גיין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך וועל גיין —
איך וועל גיין —

אַלע גייען מיר אַהין

מען האָט דערמאָנט אַ טויטן פריינט
און עמיץ האָט געזאָגט:
— מיר אַלע גייען דאָך אַהין.
נעבן מיר מיין קינד באַרירט מיין האַנט:
— וואוהין?
איך הייב די אויגן צו דעם הימל אויף —
— אַהין.
פּאַטשט דאָס קינד די הענט פאַר פרייד:
— אַלע, אַלע, אַלע גייען מיר אַהין.

אויף די חורבות

הפקר וואַלגער איך זיך אויף די חורבות
פון מיין אייגן האָב־און־גוטס אַרום.
צו די פיס מיר ליגט דער טייוול
און מחילה בעטן זיינע אויגן שטום —
שליס איך זיינע בעטנדיקע אויגן צו
און איך וויג אים: ליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו.

אין דעם ברוכוואַרג, וואו ניט וואו, נאָך וואַלגערט זיך
אַ גליד, אַ ניט־דערגריזשעט ביין.
קומט אַ קאַץ אָן און פאַרגייט זיך אין אַ ווילדן יאָמער,
שטשירענדיק די ציין.
טוליעט זיך דער טייוול צו מיין וואונדיק האַרצן צו,
און איך וויג אים: ליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו.

כ׳נעם דעם טייוולס האַנט און גראָב זיך מיט די נעגל זיינע
אין מיין האַרצנס וואונד,
קנייטשט דער טייוול זיך אין שטומען וויטאָק,
פאַנגט ער אָן צו וואָיען, ווי אַ הונט.
פרעס איך זיינע ליפּן צו די וואונדן מיינע צו
און איך וויג אים: ליו־ליו־ליו, ליו־ליו־ליו.

קיינער קען ניט העלפן

קיינער קען ניט אונדזער אומגליק העלפן,
קענען קיינעם ניט קיין דעה זאָגן...
אמעטום נאָך הילף געלאָפן,
אַלע טירן אָפּגעשלאָגן.

קיינער קען ניט אונדזער אומגליק העלפן,

הפקר וועט מען מיט די פיס אונדז טרעטן ;
סיידן, אַז אַ שיינע שאַנסאָנעטקע,
וועט פאַר אונדז וואו ביי אַ קעניג בעטן...

ד. איך בין מיד דיין קינד צו זיין

* * *

איך בין שוין קראַנק און מיד דיין קינד צו זיין. איך ווייס
ווי גרויס עס איז מיין זינד און שווער.
איך קען שוין אָבער מער אויף זיך דיין גורל ניט דערטראָגן,
איך קען ניט מער!

איך וויל ניט, אַז די וועלט זאָל אויף מיר טייטלען מיט די פינגער :
אָט גייט דער ייד!
איך בין שוין מיד פון זייער האַס, און אויך פון זייער ליבע
בין איך שוין מיד.

מיר חלומען

מיר חלומען אַלע אַ חלום אַ וויסטן, אַ בייזן,
מיר קרעכצן ווי קראַנקע פון שלאָף און מיר וויינען און שרייען!
ניטאָ ווער עס זאָל אונדז פון חלום פון בייזן באַפרייען,
ניטאָ ווער עס זאָל אונדז פון אונדזערע שרעקן דערלייזן.

און אפשר וועט עמעצער קומען און וועט אונדז אויפוועקן,
דאַן וועלן מיר קיינער ניט גלויבן די אייגענע אויגן
און לאַכן, ווי קינדער פון חלום, וואָס איז שוין פאַרפלויגן
און וועלן אין פריידן דערציילן די פיין און די שרעקן.

1909—1913

מיינע ערשטע פינף לידער

פון מיינע ערשטע לידער

אין אַ סטאָרקע*)

שטיל, באַוועגלאָז זיצט אַ מיידל
אין אַ סטאָרקע שפּעט ביינאַכט,
ס׳איז קיין קונה דאָ אין קלייטל,
האָט דאָס מיידל זיך פאַרטראַכט,

און פאַרקוקט זיך, ווי פאַרחלומט
אינעם חושך פון דער גאַס;
אויף אַ שטערנדל וואָס פינקלט
אַזוי טרויעריק און בלאַס.

עס דערוועקט ביי איר איר האַרצן
אַ רחמנותדיק־געפיל,
ווי דאָס שטערנדל אין הימל
וואָלט וואָס ליידן אין דער שטיל.

און עס ווערט איר עפּעס מאָדנע,
אַזוי טרויעריק און באַנג,
עפּעס פילט זי, עפּעס וויל זי,
עפּעס האָט זי אַ פאַרלאַנג;

עפּעס וויל זי זיך דערמאָנען,
עפּעס שפּינט זיך אויס אַ בילד,
זי וואָלט וועלן טרייסטן, מורמלען
מיט אַ שטימע זיס און מילד.

*) אין אַ געוועלבל.

שפינט און שפינט דאָס בילד זיך אויסעט,
ווי אין נעבל צויבער־שיין:
שיינע אויגן.. שוואַרצע לאָקן..
און אַ פּנים פול מיט חן.

הויבט איר האַרץ אָן האַסטיק קלאַפּן
און דער אָטעם ווערט איר הייס,
עפּעס דוכט איר, ווי די לאָקן
נויגן, נויגן צו איר שויס.

מיט אַ לייכטן ציטער דריקט זי
פעסט די האַנט צום האַרצן צו — — —
פלוצים וואַכט זי אויף דערשראָקן,
ס'איז אין קלייטל עמעץ דאָ.

— „האָסט פאַרטראַכט זיך, טאָכטער מיינע?"
רעדט די מאַמע נעבן איר —
„און איך זיץ און האָב יסורים,
טראַכט שוין איבער וועגן דיר".

אויף די ליפּן שוועבט אַ שמייכל,
אויפן האַרצן איז איר שווער,
ז'נעמט פאַרטראַכט דאָס קלייטל שליסן
און פאַרלירט פון אויג אַ טרער.

„פרייע אַרבעטער־שטימע", מאַי, 1909

איך וויל ניט קיין ברעקלעך

ס'האָבן די יאָרן צע'גזלט ביי מיר
דאָס שענסטע פון לעבן:
גאָלדענע פעדעם, וואָס אימער מיט זיי
פלעג טרוימען איך וועבן.

גאָלדענע טרוימען פלעג איך וועבן מיט זיי,
און גליקלעך זיך פילן;
פול איז מיט ליבע מיין האַרץ דאַן געווען
און צאַרט די געפילן.

כ׳בין דאַן אַ מלאך אַ ריינער געווען,
געשפּילט זיך מיט שטראַלן;
פלעגן מיר סודות דערציילן אין וואַלד
די מורמלענדע קוואַלן.

ריין איז מיין זעלע און ברייט דאַן געווען
און לוסטיק ניט זעלטן.
טיף אין מיין האַרצן פאַרמאָגט האָב איך דאַן
פיל פּרעכטיקע וועלטן.

האָבן צע׳גזלט דאָס אַלעס ביי מיר
די גרויזאַמע יאָרן,
ז׳ביטער און טרוקן, אָן אינהאַלט און שווער
מיין לעבן געוואָרן.

כ׳בלאָנדזשע אַרומעט צעבראָכן און מיד,
אָן גלויבן, אָן שטרעבן;
כ׳שטרעק־אויס צום לעבן ווי אַ בעטלער די האַנט,
ס׳זאָל עפּעס מיר געבן, —

קריג איך אַ ברעקל און וואַרף עס צוריק!
עס פּייניקט מיך שרעקלעך, —
כ׳קען ניט און וויל ניט, איך בין ניט געוואוינט
צו לעבן פון ברעקלעך.

„די פרייע געזעלשאַפט, פעברואַר, 1911

טרייענגל-פייער

(אויף די קברים פון די פאַרברענטע אַרבעטער־מיידלעך)

מיט אַ נייעם קריעה־ריס אין האַרצן,
מיט אַ וואונדן־זעל געהילט אין שוואַרצן,
קום איך, מענטש, צו דיר, ניט שעלטן שרייען,
נאָר מיט שלאַנגען־גיפט און גאַל וועל שפּייען
איך אין פּנים דיר. ווי אַ שפּיציק־שאַרפער דאָרן
וועט דער שטומער צער און צאָרן
פון מיין בליק צו דיר אין האַרצן צילן,
ביז דו וועסט דיין אייגן וואונד דערפילן.

פילסט ניט, מענטש, דו האָסט אַליין געצונדן
און געברענט ביי זיך אין האַרצן וואונדן,
פון דיין אייגן לייב געריסן האָסטו פאַסן
און צעוואָרפן הפקר אין די גאַסן.
שד, מענטש, האָסט דעם שליסל צום גן־עדן
און איך צאַפּל זיך אין גיהנומס ליידן.
קענסט, נאָר ווילסט ניט מיך און זיך באַפרייען.
גאָט, מיין גאָט, זאָל איך וויינען ? שרייען ?

כ׳וועל אין האַרצן שטיקן מיינע ליידן
און וועל שווייגן שטום, איך וועל ניט ריידן.
וואָס פאַר אַ שפּראַך קען צו דיר אין האַרצן דרינגען,
נאָך אַ יענע רויטע פייער־צונגען,
וועלכע האָבן דורשטיק טיף זיך איינגעזויגן
אין דיין לייב און בלוט, אין דיינע אויגן ?
שטום וועל איך באַוויינען די קרבנות דיינע,
שטומער ווייטיק מיינער, קינדער מיינע.

„פרייע אַרבעטער שטימע״, אַפּריל, 1911

ווען די לבנה שײַנט ניט

1

עס בענקען די שטערן און פרעגן:
וואו איז די לבנה?
זיי קוקן אַרונטער פאַרליבטע, באַטריבטע
און וואַרטן אַנטוישטע און לײַדן אָן שיעור — —
אָט האָט שוין אַ שטערן דעם זינען פאַרלוירן
און פאַלט מיט אַ שמייכל אין פינצטערן רוים...

מיט בליקן פול אומען און טרויער
באַגלייטן אים אַלע,
און, דאַכט זיך, עס ווען די שטערן
באַלד איינס נאָכן צווייטן
זיך וואַרפן פאַרצווייפלט אין שוואַרצן תהום...

2

עס האָבן די ביימער פון וואַלד זיך געשראָקן,
אַליין צו פאַרבלייבן אין פינצטערן סטעפּ.
האָט איינער ביים צווייטן דעם קאָפּ אויפן אַקסל
פאַרטוליעט, באַהאַלטן...
און האָבן זיך איילנד אַ שלייער אַ שוואַרצן
פאַרציוגן אין אימה, אַריבער די קעפּ...

זיי הערן זיך איינעט מיט אָטעם פאַרשטיקטן,
ווי ס'טראָגט זיך אין פעלד אום אַ פאַרשטיקטער געוויין —
דאָס יאָמערן זשאַבעס, זיי וויינען און קלאָגן, ווי קינדערלעך קליינע,
פון זינדיקע מאַמעס אין זומפּן פאַרטראָגן —
און דאָרטן געלאָזן אין חושך אַליין...

„פרייע אַרבעטער־שטימע“, יוני, 1912

דער מענטש

צו אייביקן אומרו האָט גאָט אים, דער פאָטער, פאַרשאָלטן.
די מוטער, די ערד, האָט מיט ליבע אויפן שויס אים געהאַלטן
אין שלייערס פון סאַמעטענע גראָזן געהילט;
פון ברוסט אים געזויגן, פאַרוויגט אים מיט פויגל־געזאַנגען, —
עס האָט איבער אים דאָך די קללה פון גאָט שווער געהאָנגען,
האָט ער אייביקן אומרו אין האַרצן געפילט.

עס איז אים די ליבע דער מוטערס דערווידער געוואָרן,
האָט ווילד ער צעריסן איר מאַנטל פון גאָלדענעם קאָרן,
צעפליקט און צעטראָטן דאָס האַרץ פון דער ערד.
און פלעגט אים די רו און די שטילקייט פאַרפאָלגן און שרעקן,
האָט ער זיך מיט האַסט און מיט צאָרן גענומען צו וועקן
די טויטע מעטאַלן — די רו זיי געשטערט.

עס איז אים געלונגען, זיי האָבן גענומען דערוואַכן,
זיך רעגן, באַוועגן און טומלען און שרייען און לאַכן
און קריצן מיט טויזנט מעטאַלענע ציין.
איצט פלאָנטערט דער מענטש זיך אין אייזערנע קייטן געפאַנגען
און ראַנגלט זיך הילפלאָז אין נעצן פון שטיינערנע קלאַנגען
און שלאָגט זיך כסדר מיט ריזן פון שטיין.

„פרייע אַרבעטער שטימע״, יוני, 1913

אײביק לעבן

קינדער־לידער און באַלאַדעס

1948—1959

טאַטע-מאַמע לשון

עס איז דער זומער שוין אַוועק,
אין דרויסן ווערט שוין קעלטער,
פרייט זיך זיאַמעלע: איך בין שוין
מיט אַ גאַנצן זומער עלטער.

טאַקע! מיט אַ גאַנצן זומער עלטער!
לאַכט דער טאַטע, לאַכט די מאַמע —
ביזטו מער שוין נישט קיין זיאַמעלע,
ביזט אַ גרויסער בחור, זיאַמע.

ביזט אַ גרויסער בחור, זיאַמע,
טאָר מען נישט קיין צייט פאַרלירן.
מאָרגן, מאָרגן, זאָגט די מאַמע,
וועל איך דיך אין שול שוין פירן.

„שול שוין פירן, צייט פאַרלירן“,
זינגט זיך זיאַמע צו אַ לידל,
מיט די הענטלעך שפּילט ער,
ווי ער וואָלט געשפּילט אויף פידל.

פידל — לידל, לידל — פידל,
קום שוין זיאַמע שלאָפן שנעלער.
ליגט שטיל זיאַמע און ער מורמלט:
קום שוין שנעלער, מאָרגן העלער!

קומט ער שנעלער, מאָרגן העלער,
אויפן טיש ליגט ביס און קיכל,
ראָזשינקעס און מאַנדלען
און שפּאָגל־ניי אַ לערן־ביכל.

ניס און קיכל — לערן־ביכל —
נו שוין, מאַמע, איך בין גרייט שוין.
טאַקע? קינד מיינס! דו ביזט גרייט שוין?
נאָך אַ רגע און מען גייט שוין!

— נעם דו, מאַמע, ניס און קיכל,
לאָז דו מיך דאָס ביכל טראָגן.
יאָגט זיך זיאַמע גיך און גיכער,
קאָן אים מאַמע קוים דעריאָגן.

קומען זיי צו גיין אין שול שוין.
זאָגט די מאַמע צו דעם לערער;
לערנט זיאַמען מאַמע־לשון,
מאַמע־לשון און נישט מערער.

הערט עס זיאַמע ווי פאַרחידושט,
טוט ער דרייסט אַ זאָג צום לערער:
כ׳וויל אויך לערנען טאַטע־לשון,
מעג עס זיין אַפילו שווערער!

און ער הערט ניט אויף צו בעטן:
כ׳וויל אויך לערנען טאַטע־לשון!
לאַכט דער לערער, קוועלט די מאַמע,
הייבט זי זיאַמען אָן צו קושן.

און זי בעט זיך ביי דעם לערער:
„כ׳בעט אייך, לערער, מילא, נו־שוין!
לערנט, לערנט מיט מיין זיאַמען
טאַקע טאַטע־מאַמע לשון״.

שמייכלט ער — דער לערער,
און ער זאָגט איר צו, דער מאַמען,

גייט זי דאַן אַהיים צופרידן,
און זי לאָזט אים איבער זיאַמען.

לערנט זיאַמע גוט און פלייסיק,
ס׳איז קיין וואונדער ניט, קיין חידוש,
ווייל ער לערנט אין דער שול שוין
טאַטע־מאַמע לשון — יידיש.

די פרייד פון לערנען

א

פרילינג־גרין, זומער־בלי,
טאַטנס שווייס, מאַמעס מי —
זעט, וואָס ס׳איז געוואָרן:
טרויבן פול מיט זאַפט,
זאַנגען פול מיט קאָרן;
רויטע פּאַמידאָרן.

פּאַמידאָרן זאַפטיק, רויט,
ווייץ און קאָרן ברויט —
האָבן אַלע טעם׳ען,
זענען קינדער זאַט,
פרייען זיך צוזאַמען
טאַטע מיט דער מאַמען.

טאַטע־מאַמע פרייד,
זומער־לעב פאַרגייט,
נאָך דער אַרבעט שווערער,
ס׳האָבן אָפּגערוט
ווינציקער, צי מערער,
קינדער און דער לערער.

לערער, שול און קינד,
ביכער, פען און טינט —
שלמה, שפרה, שאַיע,
לאָה, לאָראַ, לייב,
רבקה, רחל, ראַיע —
לערנען אַ מחיה.

ב

בלעטער־ברוין, גאָלד און רויט.
רייפע עפל, צייטיק קרויט;
האַרבסטיקע — די גאַסן.
טאַטע, מאַמע, אין פאַבריק.
אַרבעטער — אין מאַסן;
קינדער אין די קלאַסן.

אין די קלאַסן גוט און וואויל —
לערנט קינדער, זייט נישט פויל.
לערנט, שפּילט אינייגעם —
אַז די קינדער שפּילן שיין
און מען שטערט ניט קיינעם,
פרייען זיך די שכנים.

שפּילט און לערנט גוט —
לערנען, גיט צו מוט,
וואַקסט מען בעסער, שענער.
קען מען און מען ווייסט,
פילט מען זיך ניט קלענער,
פון דעם גרעסטן קענער.

קענען לערנען מיינט:
וויסן וואָס מען לייענט,
וויסן מער ווי נעכטן;

ווייסן שלעכטס פון גוטס,
שטאַרק זיין קעגן שלעכטן, —
העלפן דעם גערעכטן.

ג

ווינטער, ווינט און שניי.
פירט אַ מאַמע קינדער צוויי.
פירט אין שול זיי ביידן
יידיש לערנען. לערנען זיי.
מאַמע ווייגט פון פריידן,
ווען זי הערט זיי ריידן.

שווער איז דעם וואָס לעבט פון מי.
קומט דער טאַטע שפּעט, צי פרי;
מיד פון טאָג, פון שווערן.
לייענען קינדער יידיש גוט,
טאַטע־מאַמע הערן —
אויגן פול מיט טרערן.

פרייד און טרערן, שניי און ווינט.
טאַטע, מאַמע, יידיש קינד.
נישט אין לופט קיין שלעסער
בויען קינדער פון דער נויט,
נאָר זיי לערנען בעסער,
וואַקסן גרויס און גרעסער.

* * *

פרילינג־גרין, זומער־בלי.
טאַטנס שוויס, מאַמעס מי —
זעט, וואָס ס׳איז געוואָרן:
טרויבן, פול מיט זאַפט,
זאַנגען פול מיט קאָרן;
רויטע פּאָמידאָרן.

קומט אַריין צו מיר אין ליד

דינה, דוד, דזשעני, דזשאָן,
פּערל, פּנחס, פּאָול, פּיט;
ייד, צי קריסט, צי מאַכמעדאַן;
שוואַרץ צי ווייס, קיין אונטערשיד —
קיין אונטערשיד ביי מיר אין ליד.

קומט, איר אַלע, קינד־און־קייט
און דאָס קינד, וואָס שטעלט ערשט טריט;
דער וואָס אַקערט און פאַרזייט
און דאָס פויגעלע וואָס פליט —
קומט אַריין צו מיר אין ליד.

קומט מיט פידל, פּויק און פלייט
און אַ יום־טובדיק געמיט;
דער וואָס האַמערט, דער וואָס נייט,
מיט דיין האַמער, קום, דו, שמיד
שמיד און האַמער — אין מיין ליד.

איז די נאַכט פאַר רו און שלאָף —
וועקט אונדז אויף די זון גאַנץ־פרי.
גענדז און הינער, קאַטשקעס, שאָף;
פערדל, הינטל, קאַלב און קי;
שפּיל — די אַרבעט, פרייד — די מי.

טאַטע, מאַמע? — נעמט זיי מיט!
האַלט זיי טייער, שעצט און היט
און פאַרגעסט נאָר קיינמאָל ניט —
איר זענט גליד פון זייער גליד,
גליד און גליד פון יידיש ליד.

און דעם לערער? נו, וואָס דען?
און דעם שכן, וואו ער איז
און דאָס ביכל און די פען.
ניס און מאַנדלען? נו, געוויס —
מאַנדלען, ראָזשינקעס און ניס.

אָבער דעם, וואָס טוט נאָר שלעכטס
און פאַרשאַפט אַ צווייטן פּיין,
דעם וואָס שטערט נאָר און צעברעכט,
נעם איך ניט אין ליד אַריין —
וואו ער איז, דאָרט זאָל ער זיין.

דער ערשטער שניי

ווינטערדיקע ווינטן ווייען,
קערן אָפּ די טראָטואַרן;
טראָגן, שאַרן און פאַרשאַרן
גאַנצע הויפנס געלע בלעטער
אין די פּוסטע פּאַרק אַלייען.

ווינטערדיקע ווינטן ווייען,
ראַמען אויף דעם קאַלטן דרויסן
פאַר אַ ליבן גאַסט אַ גרויסן.
דרויסן גרייט זיך, מאַכט אַ וואַרע
פאַרן גאַסט, דעם פעטער שנייער.

אײלן מענטשן, — גייען שנעלער.
זיפצט אַ ייד, אַ ייד אַן אַלטער:
אוי, עס בלאָזט אַ ווינט, אַ קאַלטער!

גוט און וואויל איז דעם, וואָס האָט שוין
קוילן גרייט ביי זיך אין קעלער...

פון אַ ייִנגלס קאָפּ דאָס היטל
כאַפּט דער ווינט אַראָפּ און טראָגט עס.
לויפט דאָס ייִנגל און דעריאָגט עס.
לאַכט דער ווינט: דו ייִנגל־ייִנגל!
האָסט שוין צוגעגרייט אַ שליטל?

איך, אַ שליטל? ווינט און פּרעסטל!
ס'איז ביי מיר ניט קיין מלאכה
כ'האָב אַ קליינע שוועסטער ברכה
ביידע מאַכן מיר אַ שליטל
פון אַ ברעטל און אַ קעסטל.

קומען קינדער מיט געשרייען,
קומען שלמהס, קומען שרהס
צו די מאַמעס מיט בשורות:
ווייסטו מאַמע? מאַמע, מאַמע,
ס'וועט ביינאַכט אין דרויסן שנייען!

האָט אַ גאַנצע נאַכט געשנייעט.
בלוי די לופט און שלייערס ווייסע —
איז דער דרויסן אַזאַ מעשה,
וואָס דערציילט אין שלאָף די קינדער
פון אַ וועלט מיט שניי פאַרווייעט.

שלאָפן קינדער און זיי הערן
אין דעם שלאָף ווי אויף די שויבן
פאַלן שנייען, — וואָרקען טויבן
און עס דרייען זיך אין שנייען
קנוילן גרויסע, ווייסע בערן...

אויף די שויבן פראָסט און בלומען —
אַזאַ ווייסער דער פרימאָרגן!
טאַטעס, מאַמעס אָבער, זאָרגן
ווייל זיי דאַרפן צו דער אַרבעט
אײַלן זיך אין צייט צו קומען.

און ס'איז אַלץ מיט שניי פאַרווייעט
נאָר די קינדער טאַנצן מונטער
פון די בעטן שנעל אַרונטער
מיט אַ שמחה: זע נאָר מאַמע,
וויפל שניי ס'האָט אָנגעשנייעט!

קינדער גייען לערנען גערן.
קינדער זײַנען אָבער שטיפער,
גייט מען וואו דער שניי איז טיפער
און מען קנוילט זיך אין די שנייען —
זעט מען אויס ווי ווייסע בערן...

נאָך דער שול ערשט, נאָך די קלאַסן
לויפט מען שנעל אַהיים זיך שליטלען.
מיט די היטלען, אָן די היטלען
שליטלען אַלע זיך צוזאַמען
אין די שנייאיק־ווייסע גאַסן.

צוויי ברידער

כ׳וועל דערציילן אייך אַ מעשה —
קינדער, שטיל און רואיק זיצט.
כ׳וועל אייך קינדערלעך דערציילן,
פון אַמאָל און אויך פון איצט.

נישט קיין מעשה פון אַ קאַטשקע,
פון אַ גענדזל מיט אַן איי —
נאָר אַ מעשה פון צוויי ברידער,
גוטע, ליבע ברידער צוויי.

ברידער צוויי אין וואָר און חלום,
איינס דעם אַנדערן געטריי.
הייסט דער ערשטער ברודער — שלום
און דעם צווייטן רופט מען — מאַי.

ברודער מאַי און ברודער שלום —
ס׳איז באַוואוסט שוין יעדן היינט
זענען פריינט מיט אַלע קינדער,
זענען מענטשנס גוטע פריינט.

ברודער שלום האָט ליב טויבן,
יעדן פויגעלע וואָס פליט.
ברודער מאַי האָט ליב דעם פרילינג,
אַלץ וואָס וואַקסט און אַלץ וואָס בליט.

שלום אַרבעט אין פאַבריקן.
מאַי באַאַרבעט וואַלד און פעלד.

מאַי און שלום ברענגען פריידן,
פריד און פריידן אויף דער וועלט.

פריד און פריידן, סטייעס טויבן
בעז און בלומען, גראָז און צווייט.
טויבן גלויבן יעדן איינעם,
וואָרקען אום ביי קינדערס טריט.

האָבן קינדער ליב די טויבן —
און די טויבן ליבן זיי.
אי די טויבן, אי די קינדער,
האָבן ליב די ברידער צוויי.

אַמאָל איז געווען און אויך איצט זענען דאָ

(חנוכה־ליד פאַר קינדער)

אַמאָל איז געווען אין דעם גריכישן לאַנד
אַ קעניג, אַ רשע, וואָס האָט דורכאַנאַנד
צעשטערן געוואָלט אונדזער היים, אונדזער פרידן.
אַמאָל איז געווען, און אויך איצט זענען דאָ
פיל הערשער, וואָס ווילן אונדז מאַכן צו שאַנד,
וואָס ווילן נאָר שלעכטס טאָן אונדז יידן.

אַמאָל האָט דאָס פאָלק זיך אין פרייד און אין נויט
אַ טעמפּל אַ שיינעם, אַ מקדש געבויט.
פאַרשוועכן! — געקומען באַפעל איז פון קעניג דעם פרעכן.
אַמאָל איז געווען, און איצט זענען דאָ

די היטלערס, וואָס ברענגען נאָר אומגליק און טויט,
און ווילן דאָס ריינסטע פאַרמיאוסן, צעברעכן.

געוועזן איז געוועזן אין לאַנד ביי אונדז דאַן
מתתיהו, א כהן, אַ העלדישער מאַן;
אַ זון צו זיין פאָלק און אַ טאַטע געטרייער.
אַמאָל איז געוועזן, און אויך איצט זענען דאָ
פיל ליכטיקע פירער, אויך העלדן פאַראַן,
וואָס גייען פאַר פרייהייט אין פייער.

פינף זין האָט מתתיהו דער כהן געהאַט,
האָט ער זיי געליבט, ווי זיין פאָלק און זיין גאָט;
פינף זין ווי די לייבן און גוטע ווי טויבן.
עס זענען געוועזן, און אויך איצט זענען דאָ
פיל זין און פיל טעכטער, וואָס זייער געבאָט
איז: היטן ווי וועכטער, פאָלקס־פרייהייט און גלויבן.

אַמאָל איז אַ מסור, אויף שונאס באַפעל,
געגאַנגען פאַרשוועכן פון טעמפל די שוועל,
האָט בליץ־שנעל די שווערד אים דעם כהנס געטראָפן.
פאַררעטער געוועזן, און אויך איצט זענען דאָ
וואָס גרייכט ניט די שטראָף זיי, באַלד דאָ, אויפן שטעל,
וועט פריער צי שפעטער, דאָס פאָלק זיי באַשטראָפן.

דער טאַטע פאַראויס, קעגן שונאס אַרמיי,
מיט אים, זיינע זין, און דאָס פאָלק איז מיט זיי,
און יעדער פון פאָלק איז אַ העלד אַן אַרמייער.
געוועזן איז אַ שלאַכט, און עס גייט נאָך איצט אָן —
די שלאַכט פאַרן פאָלק,
עס קומען און קומען
אַ דור נאָך אַ דור
און זיגן וועט זיגן, דאָס פאָלק־מאַקאַבייער.

דער גוטער אייב

(פון אַ גרעסערער באַלאַדע)

א.

אייב לינקאָלן פון אילינאָי,
וועמען איז ער נישט באַקאַנט?
אייב לינקאָלן פון אילינאָי
איז באַוואוסט אין יעדן לאַנד.

וואו אַ שטאָט און וואו אַ הויז,
טאַטעס, מאַמעס, קינד און קייט,
ווען מען רעדט זיין נאָמען אויס —
שטראַלן פּנימער פון פרייד.

ר'האָט זיך צוגעהערט צו יעדן
און גערעדט אין גוטן מוט, —
מענטשן האָבן ליב געהאַט דערציילן,
ווי ר'איז קלוג געווען און גוט.

ר'האָט זיך קיינמאָל ניט געבויגן
צו דעם שטאַרקן, וואָס איז רייך.
נאָר זיין הויך האָט ער געבויגן —
מיטן קלענסטן צו זיין גלייך.

אויף די פּלייצעס — זאָרג פאַר יעדן,
גוטע לאַנגע שטאַרקע הענט
און אַ פּנים פון אַ טאַטן,
אַזאַ טאַטע־פּרעזידענט.

ב.

אַזאַ הויכער, אַזש פון הויכקייט זיך געבויגן,
מילד ווי פרילינג־ווינט און שטאַרק ווי אַ לייב,
אַ ריז אַזאַ, מיט קלוגשאַפט אין די אויגן.
גוטע מענטשן האָבן אים גערופן: „גוטער אייב".
שלעכטע — האָבן פאַר זיין גוטסקייט אים געהאַסט;
שטענדיק האָט ער אומעטיק געשמייכלט
און מיט יעדערן געשפּאַסט.

אין אָרעמקייט געבוירן, אין נויט דערצויגן,
מיט צוויי שטאַרקע אַרבעטזאַמע הענט,
האָט ער פאַרן רייכן האַר זיך ניט געבויגן.
און געזאָגט האָט אייב, ווען ר'איז געוואָרן פּרעזידענט,
אַז צום פאָלק באַלאַנגט וואָס עס טוט און שאַפט דער מענטש!
האָבן אים דערפאַר די רייכע לייט געשאָלטן,
ס'פאָלק — האָט אים געבענטשט.

האָט אייב געדינט זיין לאַנד, ווי אַ זון אַ טרייער.
האָט דעם נעגער־שקלאַף באַפרייט פון ווייסן האַר,
ווייל אַלע מענטשן דאַרפן גלייכע זיין און פרייע.
האָבן אים די שלעכטע לייט געטויט דערפאַר!
נאָר רעדן רעדט דאָס פאָלק, אַז נאָר אַזוי
דאַרף זיין אַ פּרעזידענט, ווי ס'איז געווען
אייב לינקאָלן פון אילינאָי.

אַ מעשה פון איינעם און אַלע

אין איינעם אַן אָרימען געגנט,
דאָרט וואַשט מען ניט קיינמאָל קיין גאַסן.
עס וואַשט זיי דער רעגן, ווען ס׳רעגנט.
דאָרט וואוינען פון האָפן די טרעגער.
עס שפּילן זיך קינדער צוזאַמען
פון יידן, כינעזער און נעגער, —
דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ יינגל,
אַ יינגל אַ ווילדער, אַ שלעגער.

אַ יינגל וואָס גייט אום באַלאָדן
מיט שטיינער, מיט בייטש און מיט שטעקן
און זוכט נאָר וואו אָנצוטאָן שאָדן, —
געקומען — ווער ווייסט אים פון וואַנען!
נישטאָ גאָר קיין גוטס אין זיין פּנים,
אַ פּנים אינגאַנצן אין שראַמען, —
עס מוז אַזאַ יינגל אַוודאי
ניט האָבן קיין טאַטן, קיין מאַמען.

ער פלעגט דאָרט געשלעגן פאַרפירן,
און העצן און רייצן, צעטיילן
די קינדער אויף ראַסן, קאָלירן.
ער פרואווט־אויס אַ מיטל נאָך מיטל
צו שרעקן און צווינגען די קינדער, —
ער כאַפּט צו ביי איינעם דאָס היטל,
אַ מיידל צעררייסט ער דאָס ביכל,
אַ צווייטער — אַ פּאַטש מיט אַ ריטל.

און האָט ווער באַוויזן זיין מוטיק,
געוואַגט זיך צו שטעלן אַקעגן,

האָט יענעם דער שלעגער צעבלוטיקט.
געפּרוואווט האָט אַ צווייטער, אַ דריטער
און יעדער פון זיי האָט פאַרלוירן, —
דאַן האָבן שוין אַלע געציטערט.
אוי, האָט ער, דער שלעכטער, דער שלעגער,
די קינדער דאָס לעבן פאַרביטערט!

ווי לאַנג קענען קינדער זיך זאָרגן?
ווי לאַנג וועלן קינדער דען ליידן?
ביז איינעם, אַ שיינעם פרימאָרגן,
אין ערגיץ אַ געסל אַ קרומען —
די קינדער, אין גרופּעס אין שטילע
זיי קומען צוזאַמען, זיי קומען
און שטייען, ווי עפּעס זיי ווייסן
אַן אָפּמאַך געהיימען און שטומען.

דאָס געסל איז פול ביז די שוועלן, —
עס מוז דאָ פאַרבייגיין דער שלעגער,
זיי וועלן דעם וועג אים פאַרשטעלן.
זיי שטייען די קינדער אין קרייזן,
זיי אַלע צוזאַמען ווי איינער —
אַ צאַם וואָס איז שטאַרקער פון אייזן.
אָ, זאָל ער, דער שלעגער נאָר קומען,
אָ, זאָל ער זיך שנעלער באַווייזן!

אָט קומט ער! ער שפּאַנט ווי אַ יעגער.
אַ טראָט — און ער בלייבט ווי פאַרגליווערט, —
עס האָט זיך דערשראָקן דער שלעגער!
אַקעגן זיי אַלע — ער איינער.
וואו לויפט מען? באַגיסט ער מיט שווייס זיך

און פילט דאָך אַ קעלט אין די ביינער.
די קינדער — זיי שטייען זיך רואיק
און שוויגן — עס רירט זיך ניט קיינער.

זיי האָבן ביז איצט ניט פאַרשטאַנען,
זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט גאָר
דעם כח פון אַלע צוזאַמען;
זיי האָבן דאָס איצטער דערפילט ערשט, —
ס'איז קיינער ניט שטאַרקער פון אַלע!
זיי וויסן זיי האָבן באַזיגט אים, —
אָט שטייט ער, דער שלעגער געבויגן,
ווי אונטער אַ משא וואָס דריקט אים.

זיי שטייען אים אַלע אַקעגן,
זיי וואַרטן ער זאָל עפּעס זאָגן;
זיי ווילן ער זאָל עפּעס פרעגן, —
נאָר ער זוכט אַ וועג צו אַנטלויפן.
ער שרעקט זיך, זיי וועלן אים יאָגן
דורך גאַסן און איבער די הויפן,
ער פילט אין די טאַשן, — ער האָט נאָר
אַ צוויי־דריי פאַרזשאַווערטע שרויפן.

ער וויל עפּעס זאָגן — פעלט לופט אים.
אַ מורא באַפאַלט אים. גאָר נאָענט
און רואיק אַ שטימעלע רופט אים:
מיר וועלן דיר לאָזן אויסקלייבן;
גיב אויף נאָר צו פירן געשלעגן,

דאַן קענסטו מיט אונדז דאָ פאַרבלייבן;
נאָר רירסטו אָן וועמען, זיי זיכער,
מיר וועלן פון אונדז דיך פאַרטרייבן.

ער הייבט אויף די אויגן — וואָס הערט ער?
קיין שנאה אין זייערע ווערטער,
קיין שנאה אין זייערע אויגן.
און ווידער אַ שטימע דערהערט זיך:
קענסט בלייבן און זיין ווי מיר אַלע,
אויב ווערסט נאָר אויס שלעגער — באַקלער זיך!
מיר האָבן פאַר דיר שוין ניט מורא.
זאָג־צו: דו וועסט גוט זיין, און — שווער זיך.

זיי וואַרטן, ווי שטיל און געדולדיק!
זיי ווילן ניט נעמען נקמה?
ניט שלאָגן? — ער ווייסט, ער איז שולדיק.
ערווישט זיך דעם שווייס פון דעם שטערן,
ער זעט זיי, די פריידיקע קינדער
דורך אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן.
ער קערט אָפּ דעם בליק ווי פאַרלוירן
און זאָגט אַ פאַרשעמטער: כ׳וועל שווערן.

באַמערקונגען

איך בין געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889, ניט אין 1887, ווי ס'איז, אַפשר דורך מיין אייגענעם טעות, אָנגעגעבן געוואָרן אין מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע און אין זלמן רייזינס לעקסיקאָן און פון דאָרט אין אייניקע אַנדערע אַנטאָלאָגיעס, וועלכע האָבן עס גענומען פון יענע קוואַלן.

לויט אַ בריוו, דאַטירט: „בשם ה' ערב חנוכה ה'תרפ"ט", וואָס איך האָב אין 1929 באַקומען פון מיין פאָטער יצחק מעליר, ז"ל, וועלכער איז געווען רב אין באַלגראַד, בעסאַראַביע, בין איך געבוירן געוואָרן כ"ו מרחשון, ה'תר"ן, וואָס לויט דער נייער צייט־רעכענונג איז עס געווען דעם 20טן נאָוועמבער, 1889.

פון 1929 אָן, האָב איך כסדר אין פראַגעבויגנס און אין אָפיציעלע פאַפירן אָנגעגעבן 1889 אַלס מיין געבוירן־יאָר.

* * *

די לידער אין דעם בוך זענען אַן אָפּקלייב פון מיינע פופציק יאָר דיכטעריש שאַפן. דער סדר — אָנהויבנדיק פון 1959, צוריק ביז 1909. מיינע ערשטע פינף לידער, וואָס איך גיב דאָ אין בוך, זענען אַן אָפּקלייב פון מערערע לידער, וואָס איך האָב געדרוקט דורך דער צייט פון 1909 ביז 1913. פיר פון די פינף לידער זענען ביז איצט אין קיין בוך ניט אַריין.

* * *

מיט טיפן טרויער דערמאָן איך דאָ דעם נאָמען פון מיין יוגנט־פריינט, דעם זעלטענעם מענטשן, דעם אימפּרעסיאָניסטיש־לירישן קינסטלער יהודה טאָפּעל, וועמענס לעבנס־טעג עס האָבן זיך איבער־געריסן, בעת די לעצטע זייטן פון מיין בוך גייען צום דרוק.

יהודה טאָפּעל האָט מיט גרויס ליבע און קינסטלערישער עמפינד־לעכקייט אילוסטרירט און געצייכנט די שריפט פאַר מיין בוך „אויף גאָטס וועלט", וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „אַמעריקע", אין 1919.

איך — און איך בין זיכער, אַז אַלע וואָס האָבן אים געקענט, בפרט יענע, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו אים, וועלן שטענדיק, מיט אַ טיפן געפיל פון הויך־שעצונג און ליבע דערמאָנען דעם נאָמען — יהודה טאָפּעל.

* * *

דאָס אַרויסגעבן אַ בוך ביי אַ יידישן שרייבער איז אָפט פאַרבונדן מיט גרויס עגמת־נפש. דעם שרייבער קומט אויס אָנצוקומען צום

לייענער, ער זאָל העלפן, און דאָס בעטן הילף פאַרן אייגענעם בוך, (וואָס אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג וואָלט באַדאַרפט טאָן), פאַרמינערט דאָס חשיבות פון דעם שרייבער און פון דעם בוך אין די אויגן פון דעם לייענער. דאָ דריק איך אויס מיין דאַנק צו די פאָלגנדיקע פריינט מיינע, שרייבער, לייענער־ליבהאָבער פון דעם יידישן בוך און איייניקע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מיט אַ זייער וואַרעמער באַציאונג, אויף פאַרשידענע אופנים, מיר פאַרגרינגערט דאָס אַרויסגעבן דעם בוך:

ניו־יאָרק: י. אייזענבערג, עטל און ש. בודין, בער גרין, י. גרינבוים, י. דאראשקין, ציליע און ש. דייקסעל, ל. הארקאווי, בראָניע און חיים שלמה נאַגאָשינער, לעאָן פעיגין, באשקע און איציק פרידמאַן, משה און גדליה פרידמאַן, אהרן קורץ, משה קיש, פעני און הערשל קעסלער, י. א. ראנטש.

אין אנדערע שטעט: עוועלין אַלעקסאנדער (סאַן פראנציסקאָ), משה בין (יאָנגסטאון), ראָזע געווירץ און פאמיליע און י. דזשייקאָבסאָן (סאַן פראנציסקאָ), ראָזע וואנעטיק (לאָס אנדזשעלעס), י. לעווין (מיאַמי־ביטש, פלאָרידא), יוסף מאַרגענשטערן (קליוולאַנד), ס. פרידמאַן און פרוי (אָקלאַנד, קאַליפ.), מ. סיטרין (דעטראָיט), ה. שעכטער (סאַן פראַנציסקאָ), חאַסיע און הערשל קאַרט (מיאַמי־ביטש, פלאַ.), סאָפיע מאַלאַמוד־לובארסקי און משפחה (בוענאָס איירעס, אַרגענטינע). און מיינע פריינט דאָרע טייטלבוים און הערשל מייער (וועלכע געפינען זיך איצט אין אייראָפּע).

קולטור־אָרגאַניזאַציעס: קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין מיאַמי־ביטש, פלאָרידא. יידישער קולטור־קלוב פון פּעטאַלומאַ (ל. אַלבערט, פינ. סעק. און יוסף גרינשפּאַן — פּאַרזיצער), פריינט פון קעמפּ וואודלענד.

צוגעקומענע ספּאָנסאָרס:

קאָונסיל פון די לייענקרייזן ביים איקוף
(מיאַמי ביטש, פלאָרידע)

צבי הירשקאָן לייענקרייז פון שיקאַגע
דזשעני קרעימער און שיידע פלעכמאַן, סעקרעטאַרן

דוד קיש (ניו־יאָרק), חיים ראַטקין (ניו־יאָרק)

א י נ ה אַ ל ט

א

1959—1948

שלום (זיבן לידער).. 11

ב

ל ז כ ר ו ן

איך האָב געהאָפט.. 19
יידיש (פּאָעמע).. 20
שלום־עליכם 24
צווי יידן.. 29
דוד און גלית.. 30
איך זינג דיין נאָמען — ישראל.................................. 32

ג

מענטש אינמיטן

איך זינג דיין גליק אויף ערד צעבליטער........................ 35
אויב ניט פאַר מענטשנס גליק.................................... 36
פון מיטוואָך ביז שבת.. 37
בטבע איז ער גוט — דער מענטש................................. 38
דער רעטער 39
אַמבולאַנס 40
אַ קראַנקן־שוועסטער אויף נאַכט־וואַך......................... 41
פאַרשווינדן וועט דאָס בייז..................................... 42
ביים ברעג פון ים... 43
די וועלט באַזינגט דיין אומרו, ים.............................. 44
איך בין געקומען קויפן זון.................................... 45
לבנה־נעכט אין פלאָרידע.. 45
עס ווערט אַ נייער טאָג געבוירן................................. 47
פרילינג גרייט זיך.. 48
„מעיד אין יו. עס. עי."... 49
דער לאַקאָמאָטיוון־הייצער.................................... 49
פּאָל ראָבסאָן.. 51
ווי דער בוים אַזוי פּשוט און עכט............................. 53
מיין ליד, מיין גלויבן... 54
איך זינג דאָס ערלעכע און גוטע................................. 55
אַזוי וועט זיין.. 56

ד

א. פּאַריז, ב. קאַט ד׳אזיר

פּ אַ ר י ז

אײדער כ׳האָב זיך נאָך געזעגנט........ 59
אַ, נעם מײַן ליד־........ 61
שאַנס־עליזעי 63
פּער־לאַשעז, זיבן און צוואַנציקסטער מאַי........ 64

קאַט ד׳אזיר

העל־זוניקער עמבלעם........ 67
בײַם בלויען ברעג........ 69
אַ יום־טוב אין מאַנטאָן........ 70
אָנקומענדיקער שטורעם........ 71
נאָך אַ שטורעם........ 72
אין לאַנד פון בלויען וואונדער........ 73
געזעגענונגס־ליד 74
אַ זון און אַ רעגן........ 75

ה

אין לאַנד פון זיוויג און פון ליבע

אומדערוואַרטערהײט 79
עס וועבט זיך אַרום אונדז דער איצט........ 79
זײ פרײען זיך מיט מענטשנס גליק........ 81
מיר וועלן וואַרטן........ 82
אַ קריגל לעבן........ 83
ים........ 85
אינדיאַנער זומער........ 86

ו

1948—1939

פון בוך „שטורעמס און רעגנבויגנס"

א. דאָס לעבן ווײנט

עס ווײנט אין מיר מײַן אײגן לײב........ 91
צווישן גרענעצן........ 92
דער פליכטלינג האָט געוויינט........ 93
דער רעגנבויגן האָט זיך פאַרשעמט........ 95
דער מאַן דערציילט זײַן פרוי וועגן מינכען־נאַכט, נײַנצן אַכט און
דרײַסיק 98
דײַנע שונאים........ 100

ב. סאַן־פראַנציסקאָ — שטאָט פון ערב פרידן

סאַן פראַנציסקאָ 101
אין איינער פון די ווייסע היימען 102
דער ים ביי דיינע ברעגן 102
דו, אויסדערוויילטע מזלדיקע שטאָט 104
בשורה־צייט 105
טויבן אין די נישעס, טויבן אין די סקווערן 106
עס קומט די וועלט צו דיר צו גאַסט 107
אונדזער פאָן 108

ג. לידער צו שמאי׳ן

גליק־לאַנד 113
מיר 113
דאָס לעבן דערציילט מיר אַ מעשה 114
ערד 114
לאַנדסלייט 115
דער גוטער 117

ד. דער מענטש אַנטלויפט אין וואַלד אַריין זיך ראַטעווען

(פּאַעמע אין פינף לידער)

עס וויינט דער מענטש — ער קאָן ניט אָטעמען 121
וואָס האָט מען פון דעם לעבן דאָרט געמאַכט ? 122
דער מענטש חלומט אין וואַלד 124
דער מענטש באַטראַכט דעם וואַלד 126
דער מענטש פאַרגעסט זיך געזעגענען 127

ז

1939—1919

פון בוך „דאָ איז מיין היים"

א. פּראָסטע לידער

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד 131
דער אַרבעטלאָזער רעדט צום קינד וועגן זונפאַרגאַנג 132
דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד וועגן זון און וועגן ביליקן רענט 133
די פרוי פון דעם אַרבעטלאָזן באַקאַנט זיך מיטן שרייבער 134
דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין פרוי וועגן דעם שכן דעם שרייבער 135

ב. פאַרשידענע לידער

גליק אויף דער פערצנטער גאַס 137
זיי וויסן נישט דעם זין פון לעבן 138
דער וואַנדערער גייט נאָך דעם עכאָ 138

אַזוי 141
ס'איז די וועלט די ליכטיקע מיר זייער געפעלן........... 142

ח

1919—1913

פון מיין ערשטן בוך „אויף גאָטס וועלט״:

א. טעני'ס (פּאָעמע)........................ 145
ב. פון דער פּאָעמע „דער ווייסער יום־טוב״:
איך האָב געטרוימט פון ווייסן יום־טוב............ 149
פרימאָרגן 150
זונפאַרגאַנג 153
ג. „דאָס ליד פון מיין איך״ (פראַגמענטן)............ 155
אַלע גייען מיר אַהין........................ 156
ד. פון לידער־ציקל „איך בין מיד דיין קינד צו זיין״:
אויף די חורבות........................ 157
קיינער קען ניט העלפן........................ 157
איך בין מיד דיין קינד צו זיין........................ 158
מיר חלומען........................ 158

ט

1913—1909

מיינע ערשטע פינף לידער

אין אַ סטאָרקע........................ 161
איך וויל ניט קיין ברעקלעך........................ 162
טרייענגל־פייער 164
ווען די לבנה שיינט ניט........................ 165
דער מענטש........................ 165

י

קינדער־לידער און באַלאַדעס

1959—1948

טאַטע־מאַמע לשון........................ 169
די פרייד פון לערנען........................ 171
קומט אַריין צו מיר אין ליד........................ 174
דער ערשטער שניי........................ 175
צוויי ברידער........................ 178
אַמאָל איז געווען........................ 179
דער גוטער אייב (פראַגמענט)........................ 181
אַ מעשה פון איינעם און אַלע........................ 183
באַמערקונגען 187